STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02606

# VEGN DER FLIKHT FUN UMGEHORKHZAMKAYT TSUM SHTOT

Henry David Thoreau

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# וועגן דער פליכט פון אומגעהאָרכזאַמקייט צום שטאַט

פון

הענרי דייוויד טהאָראָ

נייע יידישע איבערזעצונג פון

יוסף קאַהאַן

מיט אַ בייטראָג פון

ד ר. הערמאַן פראַנק

# On the Duty of Civil Disobedience

by

HENRY DAVID THOREAU

Yiddish Translation by

Jos. J. Cohen

———

Published by
Kropotkin Literary Society
Branch 413, Workmen's Circle
and
Rocker Publications Committee
2701 So. Atlantic Blvd.
Los Angeles 22, Calif.

1950

———

PRINTED IN U.S.A.

געזעצט און צוזאַמענגעשטעלט ביי
עקאָנאָמי טייפּסעטינג סוירוויס,
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

# ביאָגראַפישע איינלייטונג

העגרי ד. טהארא איז געבאָרן געוואָרן דעם 12טן יולי 1817, אין קאנקאָרד, מאסאטשוסעטס, אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון באסטאָן. זיין געבורטס־פּלאַץ האָט זיך צוויי מאָל אויסגעצייכנט אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן: דעם 19טן אַפּריל, 1775, האָט אַ מיליטערישע אָפּטיילונג פון ענגלישע סאָלדאַטן זיך געלאָזט גיין פון באסטאן קיין קאנקאָרד צו קאָנפיסקירן דאָרט די וואָפן און אַמו־ניציעס, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע איינוואוינער האָבן אָנגעזאַמלט אין זייער צוגרייטונג פאַר אַן אויפשטאַנד. די אָרטיקע פרייהייטס־קעמפער האָבן פאַרשטעלט דעם וועג פונ׳ם מיליטער אין אַ קליין שטעטל, לעקסינגטאן, נאָך איידער זיי זיינען צוגעקומען צו קאנקאָרד, און דאָרט איז אין דעם אויבנ־דערמאָנטן טאָג פאָרגעקומען די ערשטע בלוטיקע שלאַכט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

מיט יאָרן שפּעטער, אינמיטן פון 19טן יאָרהונ־דערט, ווען טהארא איז אַריינגעטראָטן אין לעבן אַלס דערוואקסענער מענש, האָט זיין קליין געבורטס־שטעטל זיך ווידער אַמאָל אויסגעצייכנט אויף אַ גאַנץ אַנדער געביט: דאָרט איז געשאַפן געוואָרן דער גייסטיקער צענטער פון די אַמעריקאַנער דענקער, קינסטלער און רעפאָרמער. ראלף עמערסאן, באַרימ־טער דענקער, פּאָעט, עסייאיסט און לעקטאָר, האָט דאָרט געהאַט זיין באַשטענדיקע היים. אָרום אים

האָבן זיך גרופּירט אַ גרעסערער קרייז פון באַגאַבטע פּערזענלעכקייטן: אַלקאָט, טשענינג, ריפּלעי, האָר־טהארן און אַנדערע, וועלכע פלעגן זיך פון צייט צו צייט צוזאַמענקומען און דיסקוטירן טראַנסצעדענ־טאַלע פראַגן (ענינים וואָס ליגן אויסער און איבער דער מענשלעכער דערפאַרונג).

טהארא׳ס וועלט־אַנשויאונג איז געווען אַ די־רעקטער פּראָדוקט פון דער ערשטער אויסצייכנונג מיט וועלכער דער נאָמען קאַנקאָרד איז פאַרבונדן — דער גייסט פון ווידערשטאַנד צו אומרעכט האָט באַ־הערשט זיין געדאַנקענגאַנג אויף אַלע געביטן פון לעבן. די צווייטע אויסצייכנונג, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט אַלס דערוואַקסענער מענש, האָט גע־געבן אַ פילאָזאָפישן הינטערגרונט צו די געפילן און האַנדלונגען פון זיין קרייז מענשן, וועלכע זיינען אין די מערסטע פאַלן געווען אינסטינקטיווע און ניי־טראַדיציאָנעלע.

די אידייען וואָס האָבן באַהערשט די מוחות פון די מענשן אין דער צייט פון קאַמף פאַר אומאָפּהענ־גיקייט אין סוף פון 18טן י.ה. זיינען נאָך געווען פריש אין זכרון פון דער יוגנט ווען טהארא איז געווען אַ יונגערמאַן. אַ צאָל פון די אָנגעזעענסטע פירער פון דעם פרייהייטס־קאַמף האָבן נאָך געלעבט און באַ־איינפלוסט די עפנטלעכע מיינונג. אויפן טאָג־אָרדנונג איז פאַר אַ לענגערער צייט געשטאַנען די פראַגע פון הערשאַפט (מלוכה) אין דער געזעלשאַפט: פונוואַנען שטאַמט דאָס רעכט פון איינעם — אַ קעניג — אָדער אַ גרופּע מענשן — די הערשער־קליקע אין אַ רע־פּובליק — צו הערשן איבער די אַנדערע און באַשטי־

מען, וואָס זיי מעגן יע און וואָס זיי טאָרן ניט טאָן? טאָמאס דזשעפערסאָן, דער פאַרפאַסער פון דער היס־טאָרישער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט", האָט אין זיין צייט נאָך ציטירט דעם זאַץ מיט וועלכן טהארא עפנט די פאָרליגנדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן געהאָרכזאַמקייט. ער האָט עס אויסגעדריקט אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „מ'זאָגט אונז, אַז די רעגירונג איז די בעסערע וועלכע רעגירט צום ווינציקסטן; זע איך ניט איין ווארום מיר זאָלן ניט ציען דעם לאָגישן שלוס פון דעם געדאַנק און קומען צום אויספיר, אַז יענע רעגירונג איז די בעסטע, וועלכע רעגירט אינ־גאַנצן ניט!"

טאָמאס פעין, אַ צווייטער גייסטיקער זייל פון דעם פרייהייטס־קאַמף, האָט דעמזעלביקן געדאַנק אויסגעדריקט אין אַנאַנדער, נאָך שאַרפערער פאָר־מע. ער האָט געצויגן אַ שאַרפע ליניע צווישן גע־זעלשאַפט און רעגירונג, אָנווייזנדיק, אַז געזעלשאַפט אין איר ערגסטער פאָרמע איז אַ ברכה, ווערנד רעגי־רונג אין איר בעסטער פאָרמע איז ניט מער ווי אַ נויטווענדיקער איבל.

טהארא האָט דידאַזיקע געדאַנקען אויפגענומען אַלס אַקסיאָמע; ער האָט נאָר געדענקט, אַז די מענשן זיינען פאָרלויפיק נאָך ניט פאַרטיק פאַר דער הויכער געזעלשאַפטלעכער שטופע צו קענען לעבן אינגאַנצן אָן קיין רעגירונג; ווען די מענשן וועלן זיין פאַרטיק פאַר דעם, זאָגט ער אין זיין ערשטן אויפזאַץ, וועט דאָס זיין דער סאָרט רעגירונג (וועלכע רעגירט אינ־גאַנצן ניט) וואָס זיי וועלן האָבן.

טהארא'ס זעלבסטשטענדיקן גייסט האָבן באַ־

אומרואיקט צוויי פראַגן: ווי ווייט דאַרף דער איינצל־נער מענש זיך אונטערוואַרפן דעם ווילן און באַשלוס פון דער מערהייט (וועלכע נעמט אין אַ רעפּובליק אָן די פאָרמע פון אַ רעגירונג)? וואו דאַרף געצויגן ווערן די ליניע ווען דער איינצלנער זאָל קענען מיט רעכט זאָגן: ביז אַהער און ניט ווייטער! — אויף אַזוי ווייט קען איך נאָכקומען און אויספאָלגן די פאָרשריפטן און רעגלן פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער איך לעב, אָבער ניט ווייטער, אין מער ערנסטע פראַגן!

וואָרום עס איז דאָך אויבערפלעכלעך קלאָר, אַז כדי מענשן זאָלן קענען לעבן אין געזעלשאַפטן און געניסן דעם פאָרצוג וואָס דער קאָלעקטיווער צוזאַ־מענלעבן שאַפט פאַר אַלע מיטגלידער איז נויטיק צו האָבן באַשטימטע איינשטעלונגען ווי די מענשן דאַרפן זיך באַנעמען און אויפפירן אין זייערע באַ־ציאונגען איינער צום אַנדערן און פון יעדן איינצלנעם צום כלל. אָן אַזאַ איינשטעל, ווען יעדער איינער זאָל צו יעדער צייט טאָן וואָס און ווי אים וועט איינפאַלן, וועט דאָך ניט מעגלעך זיין קיין געמיינשאַפטלעכער צוזאַמענלעבן. די פאַרפליכטונג פון איינצלנעם צו דער געזעלשאַפט איז אַזוי אַרום אַן אַקסיאָמאַטיש פעסטגעשטעלטע און קען ניט אָפּגעפרעגט ווערן.

פון דער אַנדער זייט לערנט אונז אָבער די גע־שיכטע, אַז פילע איינגעשטעלטע מנהגים, רעגלען און געזעצן ווייזן זיך מיט דער צייט אַרויס צו זיין באַגרינדעט אויף ניט־ריכטיקע באַאָבאַכטונגען און יסודות; מאַנכע זיינען אַ פּראָדוקט פון אומוויסנהייט און אָבערגלויבן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט זייער צייט; אַנדערע זיינען געווען געזעלשאַפטלעך ניצלעך

אין אַ פרידערדיקער עפּאָכע, ווען מענשן האָבן גע־וואַנדערט מיט זייערע שאָף און רינדער פון איין פּלאַץ צו אַנאַנדערן, און זיינען געוואָרן אַ שטער אין אַ סטאַביל איינגעשטעלטער אַגריקולטור־עפּאָכע; נאָך אַנדערע מנהגים און רעגלען זיינען דירעקטע רעזולטאַטן פון אומוויסנהייט, דעם גלויבן אין שדים און רוחות, אין געטער וועלכע פאָדערן קרבנות און אַנדערע משונה'דיקע רעליגיע־קולטן, וועלכע פאַר־באָטן דעם וויסנשאַפטלעכן שטודירן פון די נאַטור־כוחות. ווי ווייט דאַרף אַ געוויסנהאַפטיקער מענש זיך אונטערוואַרפן די און ענלעכע איינשטעלונגען וואָס ווערן אנערקענט פון דער מערהייט אין דער געזעלשאַפט?

דאָס איז אייגנטלעך איינע פון די אייביקע פראַגן וועלכע באַאומרואיקן דעם מענשלעכן גייסט און גע־פינען ניט קיין אַנטגילטיקע לייזונג. די דערפאַרונג פון דער מענשהייט לערנט אונז, אַז אין יעדן דור ווערן די „בונטאָוושטשיקעס", די רעבעלן קעגן דער איינגעשטעלטער אָרדנונג, באַטראַכט און באַהאַנדלט אַלס פאַרברעכער, אַלס שעדלעכע עלעמענטן אין דער געזעלשאַפט, ביז זיי געלינגט דורכצוזעצן זייער ווילן, באַזייטיקן דעם אַלטן איינשטעל און איינפירן אַ נייעם; דאַן ווערן זיי פון די נאָכפאָלגנדיקע דורות באַצייכנט אַלס גרויסע גייסטער, האַלבע געטער, „פאָטערס" פון זייער פאָלק און לאַנד, וועמענס אָנ־דענק אַלע דאַרפן ערן. דאָס איז דער לייט־מאָטיוו אין אַלע געשיכטעס און לעגענדעס וועגן די מענשן וועמען עס איז געלונגען אויפצורייסן די אַלטע אָרד־נונג און דערהויבן זייערע מיטמענשן צו אַן עטוואָס

העכערער שטופּע פון גייסטיקן, רעליגיעזן, אָדער געזעלשאַפטלעכן פאָרטשריט. אָבער דאָס גיט דאָך ניט קיין פעסטגעשטעלטע מאָס, וואָס זאָל ווייזן דעם יחיד ווי ווייט ער מעג גיין אין זיין ווידערשטאַנד צום כלל, אויב ער וויל ניט פאַר שטענדיק אַריינפאַלן אין דער קאַטעגאָריע פון פאַרברעכער און רו־שטערער.

טהארא האָט געזוכט צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע ווי ווייט זי האָט אים אָנגערירט אין זיין צייט: ער איז געקומען צום אויספיר, אַז אין קליינע, אומוויכטיקע אַנגעלעגנהייטן דאַרף דער איינצלנער נאָכקומען די פאָדערונגען און פאָרשריפטן פון קאָ־לעקטיוו; ווען עס קומט אָבער צו אַן ערנסטער פראַגע פון פּרינציפּ, דאַן דאַרף דער איינצלנער באַוואוסט־זיניקער מענטש איינשטעלן זיין פרייהייט, זיין לעבן — ניט מאַכן קיין קאָמפּראָמיס מיט דעם, וואָס ער באַ־טראַכט פאַר שלעכט אָדער אומרעכט.

דער אויספיר איז ניט קיין ניי־אָריגינעלער צוגע־טראַכט פון הענרי ד. טהארא: די טויזנטער, אפשר מיליאָנען מאַרטירער, וועלכע זיינען געשטאָרבן על קדוש השם ביי יידן, ביי די ערשטע קריסטן און ביי אַנדערע סעקטן, רעליגיעס און פּאַרטייען האָבן אַלע געהאַנדלט לויט דערדאָזיקער פאָרמולא. מ'קען מיט רעכט זאָגן, אַז דאָס איז דער אָנערקענטער וועג ביי אַלע מענטשן אין אַלע צייטן — מיט ערנסטע פּרינציפּן מאַכט מען נים קיין קאָמפּראָמיסן אפילו ווען מ'דאַרף פאַר זיי אָוועקלייגן דעם לעבן — ניי און אָריגינעל איז נאָר טהארא'ס אָנווייז, אַז אין אַ קאָמפּליצירטער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג דאַרף דער איינצלנער

פילן אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אומדירעקטער באַטייליקונג אין אומרעכט דורך צאָלן שטייערן, און אויף דעם וועג העלפֿן דער רעגירונג צו פֿינאַנצירן מלחמות און באַגיין אַנדערע גוואַלדטאַטן פֿון אַ פֿאַר־ברעכערישן כאַראַקטער.

אין זיין לעבנסצייט האָט די פֿעדעראַלע רעגירונג פֿון אַמעריקע ביי זיך אין לאַנד אויפֿגעהאַלטן די אינסטיטוציע פֿון שקלאַפֿעריי אין דעם דרום־טייל פֿון לאַנד. אין איר אויסערער פּאָליטיק האָט די רע־גירונג אין 1846 פּראָוואָצירט אַ קריג מיט איר שוואַכערער שכנה, די רעפּובליק פֿון מעקסיקאָ. די מלחמה, וועלכע איז אין דערווירקלעכקייט געווען אַן איינזייטיקער דעראָבערונגס־אַנגריף, האָט גע־דויערט צוויי יאָר און אַוועקגעריסן פֿון מעקסיקאָ כמעט האַלב פֿון איר באָדן. מיט די ביידע האַנדלונ־גען פֿון דער רעגירונג האָט טהאָרא ניט געקענט מאַכן קיין שלום. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געזוכט אויסצודריקן זיין פּראָטעסט אַזוי שטאַרק און קלאָר ווי ער האָט נאָר געקענט.

---

זיין אַרויסטריט קעגן די אומגערעכטע האַנדלונ־גען פֿון דער רעגירונג איז אָבער בלויז איין זייט פֿון דער מטבע, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר טהאָרא׳ס אייגנאַרטיקע וועלט־אַנשויאונג. די צווייטע זייט פֿון דער מטבע איז געווען זיין קעגנערשאַפֿט צו די פֿאַלשע וועגן אויף וועלכע די מענשן פֿון זיין צייט האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען — די יאָגעניש נאָך מאַטעריעלן דערפֿאָלג, נאָך רייכטום און באַקוועמ־לעכקייט, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשלינגען די

גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון די מענשן און פאַר־וואַנדלען זיי אין גייסטלאָזע און געוויסנלאָזע באַשע־פענישן. די אַמעריקע פון טהאראָ׳ס קינדער־יאָרן איז געווען אַ ווייניק־באַפעלקערטע פרימיטיוו־אַגריקול־טורעלע לאַנד אין וועלכער די גאָר גרויסע מערהייט איינוואוינער האָבן געאַרבעט און געפירט אַן איינפאַך פאַרם־לעבן פון שווערער פראַצע אין פעלד אָדער אין וואַלד, און אַ מער אָדער ווייניקער גייסטיק לעבן אין הויז. מענשן האָבן זיך ערנסט אינטערעסירט מיט טעאָלאָגישע, פילאָזאָפישע און ליטעראַרישע ענינים, האָבן הויך געשעצט זייער פרייהייט און דאָס רעכט פאַר יעדן איינעם צו לעבן לויט זיין אייגענעם פאַר־שטאַנד און געוויסן. אַרום דער צייט ווען דער יונגער טהאראָ האָט אָנגעהויבן באַאָבאַכטן דעם לעבן אַרום זיך איז אַריינגעטראָטן אַ שאַרפע ענדערונג אין די באַשטרעבונגען פון די מענשן: מעכאַניזאַציע, אינ־דוסטריאַליזאַציע און קאָמערץ האָבן אָנגעהויבן מאַכן זייערע ערשטע שריט אין לאַנד. ענערגישע מענשן האָבן זיך גענומען פיבעריש צו דער אַרבעט צו בויען קאַנאַלן, שאָסייען, אייזנבאַנען און פאַבריקן, דורך וועלכע זיי האָבן געקראָגן אַ געלעגנהייט אָנצוזאַמלען גרויסע פאַרמעגנס. אַמעריקע האָט זיך פאַרנומען אויף דעם וועג אויף וועלכן זי גייט זינט דאַן מיט אַלץ שנעלערע, מער אימפעטיקע שריט. טהאראָ האָט אין דער נייער ווענדונג געזען אַ געפאַר, וועלכע וועט מיט דער צייט אויסראָטן ביי די מענשן זייערע גייסטיקע און מאָראַלע אייגנשאַפטן — זיי פאַרוואַנד־לען אין זינלאָזע און געוויסנלאָזע ברואים וועלכע וועלן פאַרקויפן זייערע נשמות פאַר אַ טאָפּ לינדזן.

דאָס האָט אים זייער שטאַרק אויפגעטרייסלט.
אַ מענש מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד, אַ קינסטלערישע נשמה, אינדיווידואַליסטיש געשטימט, האָט ער דעם זין פון לעבן פאַר דעם מענשן געזען נאָר אין גייסטיקער אַנטוויקלונג און צופרידנשטעלונג, ניט אין דער אָנזאַמלונג פון מאַטעריעלע גיטער, וועלכע פאַרשקלאַפן זייער באַזיצער. ער האָט װאַרשײנלעך קײנמאָל ניט געהערט פון דעם שפּרוך: מרבה נכסים, מרבה דאגה, וועלכן קיינער נעמט ניט ערנסט; ער האָט אָבער מיט זיין גייסטיק אויג געזען ווי דער מענטש, וואָס באַזיצט אַ פאַרם פון 160 אַקער, טראָגט די פאַרם אויף זיינע פּלייצעס ווי אַ האָרב און בויגט זיך אין דרייען אונטער דער שווערער לאַסט. האָט זיין נאַטור רעוואָלטירט קעגן אַט דער זינלאָזער יאָגעניש נאָך באַזיץ, נאָך אייגנטום, און ער האָט זיך פאַרנומען אויסצוגעפינען מיט ווי ווייניק אַ מענטש קען זיך באַגיין, כדי צו לעבן געמיטלעך און האָבן צייט פאַר גייסטיקער אַנטוויקלונג. ער האָט מיט די אייגענע הענט און אַ געליענער האַק אויפגעבויט אַ הויז פאַר זיך ביים טייך וואַלדען, ניט ווייט פון קאָנקאָרד, און האָט דאָרט געלעבט צוויי יאָר צייט שטודירנדיק די נאַטור אַרום זיך און פאַרצייכענענדיק זיינע איינדרוקן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ מייסטערווערק אונטער דעם נאָמען פון טייך, וועלכע ווערט ביז היינטיקן טאָג געלייענט מיט גרויס אינטערעס.

זיין דערפאַרונג דאָרט און אין די אַנדערע יאָרן פון זיין לעבן אין און אַרום קאָנקאָרד האָט אים גע-

פירט צום שלום, אַז מענטשן קענען און דאַרפן איבער־קערן דעם סדר פון לעבן בנוגע אַרבעט: אנשטאט אַרבעטן זעקס טעג און רוען איין טאָג, דאַרפן זיי אַרבעטן איין טאָג און רוען — דאָס הייסט, זיך פאַר־נעמען מיט גייסטיקער אַנטוויקלונג און אונטערהאַל־טונג — זעקס טעג אין דער וואָך.

ער האָט ניט געהאַט קיין שוועריקייט איינצואָרד־נען זיין לעבן אויף דעם שטייגער. דאָס ווייניקע וואָס ער האָט באַדאַרפט פאַר זיין פערזענלעכן געברויך האָט ער פאַרדינט אַלס לאַנד־מעסטער, אַלס בליי־שטיפט־מאַכער אָדער אַלס בוי־ און פאַרם־אַרבעטער. געלעבט האָט ער איינפאַך, איז געווען כמעט אַ וועגעטאַריער — קיין פלייש האָט ער ניט געגעסן, נאָר פיש פלעגט ער פון צייט צו צייט פאַנגען און גע־ברויכן — קיין פאַמיליע האָט ער ניט געהאַט אויס־צוהאַלטן. אין דעם האָט אים אין אַ קליינער מאָס מעגלעך געשטערט זיין עקסטרימער אינדיווידואַליזם. דיסקוטירנדיק די פראַגע פון די פילע עקספּערימענטן אין קאָמוניסטישן צוזאַמענלעבן, וואָס זיינען אין יע־נער צייט אָנגעגאַנגען אין אַמעריקע, האָט ער זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז וואָס אים אָנבאַלאַנגט וועט ער בעסער לעבן ביחידות אין גיהנם איידער בצבור אין גן־עדן. ער איז זיין גאַנצן לעבן געבליבן טריי דערדאָזיקער אויפפאַסונג.

ווי פילע אַנדערע באמת גרויסע גייסטער האָט טהאָראָ ניט געצויגן אויף זיך קיין גרויס אויפמערק־זאַמקייט אין זיין לעבנסצייט. זיין ערשטער בוך „אַ וואָך אויפן טייך מערימאַק", געדרוקט אין טויזנט קאָפּיעס איז כמעט אינגאַנצן געבליבן אומפאַרקויפט.

איצט איז אַ קאָפּיע פון יענער אויסגאַבע ווערט צענדליגע דאלאר. אין דער קאָנסטעלאַציע פון גרויסע, ערשט־ראַנגיקע שטערן, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין קאָנקאָרד, האָט טהאָרא'ס ליכט זיך ניט אַרויסגעזען קלאָר גענוג. איצט, קאָרגע נײַנציק יאָר נאָך זיין פריצייטיקן טויט (דעם 6טן מאי, 1862), לעבט און ווירקט זיין איינפלוס פיל מער איידער פון די אַנדערע גרויסע גייסטער פון זיין צייט. זיינע ווערק ווערן איבערגעדרוקט אין צענדליקע אויסגאַבן און ז י י ווערן געלייענט, געשטודירט אין די פאָלקסשולן פאַר דער רייכקייט און פשטות'דיקער שיינקייט פון דער שפּראַך.

---

די פאָלגנדיקע אָפּהאַנדלונג „וועגן דער פליכט פון אומגעהאָרכזאַמקייט צום שטאַט" איז איבערזעצט אין אַלע ציוויליזירטע שפּראַכן און האָט געדינט אַלס די ביבל פאַר מאהאטמא גאנדהי, וועלכער האָט דעם ביכל קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט. אַ יידישע איבערזעצונג, געמאַכט פון דר. י. א. מעריסאָן, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק און איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן צו יענער צייט. די אָרטאָגראַפיע, געענדערטע אויסדרוקן און פאָרמען פון זאַץ־בוי האָבן נויטיק געמאַכט אַ נייע איבערזעצונג מער צוגעפּאַסט צום איצטיקן מאָמענט.

**יוסף קאהאן**

אויגוסט, 1950.

# די פליכט פון אומגעהאָרכזאַמקייט

פאַר אַלע אונזערע פרייהייטן זיינען מיר פאַרפליכטעט צו מענשן וועלכע, ווען זייער געוויסן האָט זיי געצוואונגען, האָבן גע־בראָכן די געזעצן פון לאַנד.

— דר. קליפאָרד

איך נעם גערן אָן דעם שפרוך: „יענע רעגירונג איז די בעסטע, וועלכע רעגירט אַמווינציקסטן!” און איך וואָלט געוואונשן צו זען עס אָנגעווענדעט וואָס גיכער און וואָס מער סיסטעמאַטיש. דערפירן דעם געדאַנק צו זיין לאָגישן שלוס, הייסט עס — אויך אַ זאַך אין וועלכער איך גלויב — „יענע רעגירונג איז די בעסטע וועלכע רעגירט אינגאַנצן ניט.” און ווען די מענשן וועלן זיין גרייט פאַר אַזאַ וועג פון לעבן וועט דאָס זיין די פאָרמע פון רעגירונג, וואָס זיי וועלן האָבן. רעגירונג איז אין בעסטן פאַל ניט מער ווי אַן אויסוועג, אַ מיטל צום ציל; אָבער די מערסטע רעגירונגען זיינען געוואוינלעך, און אַלע רעגירונגען זיינען, פון צייט צו צייט, גאָר ניט קיין צוגעפּאַסטער מיטל. די אויסזעצונגען וואָס ווערן געמאַכט קעגן אַ שטענדיקער אַרמיי — און זיי זיינען פיל און וואָגיק, פאַרדינען מ׳זאָל זיך מיט זיי רעכענען — קענען סוף כל סוף אויך געמאַכט ווערן קעגן אַ שטענדיקער רעגירונג. די שטענדיקע אַרמיי איז ניט מער ווי איין האַנט פון דער שטענדיקער רעגירונג. די רעגירונג גופא, וועלכע איז ניט מער ווי די פאָרמע וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבן כדי דורכצופירן זיין ווילן,

איז פונקט אַזוי ווי די אַרמיי אונטערוואָרפן דער מעגלעכקייט צו ווערן מיסברויכט און אַראָפּגעפירט פון וועג נאָך איידער די מענשן קענען זיך מיט איר באַנוצן, ווי דאָס באַווייזט די איצטיקע מלחמה מיט מעקסיקא (1846), די אַרבעט פון אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינער צאָל מענשן, וועלכע באַנוצן די שטענדיקע רעגירונג אַלס זייער ווערקצייג; ווארום גלייך פון אָנהויב וואָלטן די מענשן ניט צוגעשטימט צו אַזאַ מאַסרעגעל.*)

די אַמעריקאַנער רעגירונג — וואָס איז זי, דאָך ניט מער ווי אַ טראַדיציע, און אַ גאַנץ יונגע טראַדיציע דערצו, וועלכע זוכט זיך איבערצוגעבן אומבאַשעדיקט צו די ווייטערע דורות, אָבער יעדן מאָמענט פאַרלירט זי עטוואָס פון איר אויפריכטיקייט! עס האָט ניט די לעבנסקראַפט און דעם כוח פון אַן איינצלנעם לעבעדיקן מענשן, ווארום אַן איינצעלנער מענטש קען איר בויגן צו זיין ווילן. עס איז ווי אַ מין הילצערן ביקסל פאַר די מענשן גופא, דאָך איז עס צוליב דעם ניט אינגאַנצן קיין נוצלאָזע זאַך, ווארום די מענשן מוזן האָבן עפּעס אַ קאָמפּליצירטע מאַשין, אָדער עטוואָס ענלעכעס, און הערן ווי עס הוזשעט, כדי צופרידנצושטעלן די אידייע פון רעגירונג וואָס זיי באַזיצן. רעגירונגען ווייזן אונז ווי דערפאָלגרייך

*) דער קריג מיט מעקסיקא אין 1846, איז אבזיכטלעך און פּלאַנמעסיק פאַראורזאַכט געוואָרן פון אַ קליינער צאָל לאַנדבאַזיצער און פּאָליטישע אינטריגאַנטן, וועלכע האָבן דערפירט דערצו די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן באַפאַלן די מיליטעריש שוואַכערע שכנים און אַוועקנעמען כמעט האַלב פון זייער לאַנד.

מענשן קענען געגאַרט ווערן, ווי זיי קענען זיך אַליין באַשווינדלען פאַר זייער אייגענעם פּאַרצוג. מיר מוזן אַלע צוגעבן, אַז עס איז אויסגעצייכנט אַזוי. דאָך האָט דידאַזיקע רעגירונג קיינמאָל ניט געהאָלפן פון זיך אַליין וועלכע עס איז אונטערנעמונג, סיידן דער־מיט וואָס זי האָט אין איילעניש אָפּגעטראָטן דעם וועג. זי האַלט ניט דאָס לאַנד פריי. זי באַזעצט ניט די מערב־געגנטן. זי דערציט ניט די מענשן. דער כאַראַקטער וואָס איז איינגעבאָרן אין די אַמעריקאַ־נער מענשן האָט אויפגעטאָן אַלץ וואָס איז ביז איצט צו שטאַנד געבראַכט געוואָרן; און עס וואָלט אויפ־געטאָן פיל מער ווען די רעגירונג וואָלט פון צייט צו צייט זיך ניט געשטעלט אין וועג. ווארום רעגירונג איז אַ מיטל וואָס דאַרף כלומרשט פאַרהיטן, אַז מענשן זאָלן ניט שטערן איינע די אַנדערע, און ווי דער שפּרוך־וואָרט דריקט עס אוים: „ווען עס ווירקט אַמבעסטן דאַן ווערן די רעגירטע אינגאַנצן איבער־געלאָזן צו זיך גופא!" האַנדל און געשעפט, ווען זיי וואָלטן ניט געווען געמאַכט פון גומי, וואָלטן קיינמאָל ניט געקענט באַוויזן איבערצושפּרינגען די אַלע שטע־רונגען, וועלכע די רעגירער און געזעצגעבער האַלטן אין איין לייגן אין זייער וועג. און ווען מ'וואָלט גע־אורטיילט דידאַזיקע מענשן דורכאויס לויט דער וויר־קונג פון זייערע האַנדלונגען און ניט טיילווייז לויט זייערע אַבזיכטן, דאַן וואָלטן זיי פאַרדינט פאַררעכנט און באַשטראָפט צו ווערן צוגלייך מיט יענע שעדלע־כע מענשן וועלכע לייגן שטרויכלונגען אויף די באַן־רעלסן.

דאָך, צו ריידן פּראַקטיש און אַלס בירגער, ניט

ענלעך אויף יענע וועלכע באַצייכענען זיך אַלס אומ־רעגירונגס-מענשן, פאָדער איך ניט באַלד קיין רעגירונג, נאָר באַלד אַ בעסערע רעגירונג. זאָל יעדער מענש באַקאַנט מאַכן וואָס פאַר אַ סאָרט רעגירונג עס וועט אַרויסרופן זיין אַכטונג, און דאָס וועט זיין איין טריט צו דער־גרייכן עס.

נאָכאַלעמען, די פּראַקטישע אורזאַכע וואָרום די מאַיאָריטעט וועלט דערלויבט און פאַר אַ לאַנגער צייט געדולדעט צו הערשן וואו נאָר די מאַכט ליגט אין די הענט פון פאָלק, איז ניט דערפאַר וואָס די מערהייט איז אַלעמאָל גערעכט; אויך ניט דערפאַר וואָס דאָס זעט אוים דער מינדערהייט צן זיין ריכטיק, נאָר דערפאַר וואָס זיי — די מערהייט — זיינען פיזיש די שטאַרקערע. אָבער אַ רעגירונג אין וועלכער די מערהייט הערשט אין אַלע פאַלן קען ניט זיין באַ־גרינדעט אויף גערעכטיקייט אַפילו אויף אַזוי ווייט ווי מענשן פאַרשטייען עס. קען דען ניט זיין אַ רע־גירונג אין וועלכער די פראַגע פון רעכט און אומרעכט ווערט באַשלאָסן ניט פון דער מערהייט נאָר פון דעם געוויסן? — אין וועלכער די מערהייט באַשליסט נאָר יענע פראַגן אין וועלכע די מאָס פון צוגעפּאַסטקייט איז מער אָנווענדבאַר? מוז דער בירגער ווען עס איז פאַר איין מאָמענט, אָדער אין דער קלענסטער מאָס, זיך אָפּזאָגן פון זיין געוויסן און איבערלאָזן עס צום געזעצגעבער? וואָרום האָט דאָן יעדער מענש אַ גע־וויסן? איך דענק, אַ מיר דאַרפן זיין מענשן צוערשט, דערנאָך בירגער. עס איז ניט אַזוי ווינשנסווערט אוים־צובילדן אַן אַכטונג פאַרן געזעץ, ווי פאַר דעם וואָס

איז געדעכט! די איינציקע פאַרפליכטונג וואָס איך האָב אַ רעכט צו נעמען אויף זיך איז צו טאָן צו יעדער צייט דאָס וואָס איך דענק אַז עס איז ריכטיק. עס איז ריכטיק געזאָגט געוואָרן, אַז אַ קאָרפּאָריישאַן (אַ חברה) האָט ניט קיין געוויסן; אָבער אַ קאָרפּאָריי־שאַן פון געוויסנהאַפטע מענשן איז אַ חברה מיט אַ געוויסן. דאָס געזעץ האָט קיינמאָל ניט געמאַכט די מענשן אַ האָר מער גערעכט; פאַרקערט נאָך, דורך דער פאַרמיטלונג פון זייער אַכטונג פאַרן גע־זעץ ווערן אַפילו די גוט־מיינענדיקע מענשן יעדן טאָג פאַרוואַנדלט אין אַגענטן פון אומרעכט. דער געוואוינ־לעכער און נאַטירלעכער רעזולטאַט פון אומפאַרדינ־טער אַכטונג פאַרן געזעץ איז וואָס איר קענט זען אַ ריי סאָלדאַטן, פּאָלקאָווניק, קאַפּיטאַן, קאָרפּאָראַל, פּראָסטער סאָלדאַט, פּולווער־טראָגער און אַלע מאַר־שירנדיק אין אויסגעצייכנטער אָרדנונג איבער באַרג און טאָל צו דער מלחמה, קעגן זייער ווילן; יע, קעגן זייער מענשלעך פאַרשטאַנד און געוויסן, וועלכעס מאַכט זייער מאַרשירן ווירקלעך שווער און פאַראור־זאַכט האַרץ־קלאַפּעניש. זיי האָבן ניט קיין צווייפל, אַז עס איז אַ פאַרדאַמטע אנגעלעגנהייט אין וועלכער זיי זיינען באַשעפטיקט; זיי זיינען אַלע פרידלעך גע־נייגט! נון, וואָס זיינען זיי? זיינען זיי מענשן, אָדער קליינע באַוועגלעכע פעסטונגען, וועלכע שטייען אין דינסט פון אַ וועלכן עס איז געוויסנלאָזן מענשן וואָס באַזיצט די מאַכט? באַזוכט דעם שיף־האַפן און באַ־טראַכט די ים־זעלנער — מענער וועלכע די אַמערי־קאַנער רעגירונג קען מאַכן מיט איר שוואַרצער קונסט, אַ שאָטן בלויז, אַן אָנווייז אַז עס איז אַמאָל

געווען אַ מענטש — אַ באַשעפעניש וואָס שטייט ווי שוין אָנגעטאָן אין זיינע תכריכים, און ווי מ׳קען זיך אויסדריקן, ער איז שוין באַגראָבן אונטער וואָפן מיט לויה-באַגלייטונג, כאָטש עס איז מעגלעך

„קיין פויק האָט מען ניט געהערט, קיין באַגלייטונגס - קלאַנג, ווען מיר האָבן זיין קערפּער צום שיף-זייט געאיילט; קיין זעל־נער האָט אָפּגעפייערט דעם געזעגנונגס-שאָס איבער דעם קבר וואו אונזער העלד ליגט איצט באַגראָבן.״

די מאַסע-מענטשן דינען דעם שטאַט אויף דעם וועג, ניט ווי מענטשן הויפּטזעכלעך, נאָר ווי מאַשינען, מיט זייערע קערפּערס. זיי זיינען די שטייענדיקע אַרמיי, די מיליץ, טורמע-וועכטער, פּאָליציי-באַאַמטע א.אַ.וו. אין די מערסטע פאַלן איז ניטאָ קיין טראָפּן פון פרייער אָנווענדונג פון אורטייל, אָדער פון אַ מאָראַלן זינען. זיי שטעלן זיך נאָר אַוועק אויף דעם שטאַנד פון האָלץ, פון ערד און שטיינער; און מ׳קען אפשר אויסאַרבעטן הילצערנע מענטשן, וועלכע זאָלן דינען דעם צוועק פּונקט אַזוי גוט. אַזעלכע מענטשן פאַרדינען ניט קיין מער אַכטונג ווי ווען זיי וואָלטן געווען געמאַכט פון שטרוי, פון אַ שטיק ערד. זיי האָבן דעמזעלביקן סאָרט ווערט נאָר ווי פערד און הינט. דאָך אַפילו אַזעלכע ווי די ווערן געוואוינלעך געשעצט אַלס גוטע בירגער. אַנדערע — ווי די מער־סטע געזעצגעבער, פּאָליטיקער, אַדוואָקאַטן, גלחים און באַאַמטע — דינען דעם שטאַט הויפּטזעכלעך מיט זייערע קעפּ; און אַזוי ווי מאָראַלע אויסרעכנונגען מאַכן ביי זיי ניט קיין אונטערשייד, וועלן זיי פּונקט

אַזוי גוט דינען דעם טיוול, ניט ווילנדיק, ווי צו דינען גאָט. אַ גאַנץ קליינע צאָל — ווי די העלדן, פּאַטריאָטן, מאַרטירער, רעפאָרמער אין אַ ברייטן זינען און מענשן — דינען דעם שטאַט אויך מיט זייער געוויסן, און אַזוי געפינען זיי זיך געצוואונגען אָפט צו שטעלן זיך קעגן אים; און זיי ווערן געוויינלעך פון אים באַהאַנדלט אַלס שונאים. אַ קלוגער מענש וועט זיין נוצלעך נאָר אַלס מענש, און וועט זיך ניט אונטערוואַרפן צו ווערן אַ שטיק ליים און „פאַרשטעקן אַ לאָך, כדי דער ווינט זאָל ניט בלאָזן." אַזאַ אויפגאַבע וועט ער איבערלאָזן פאַר זיין שטויב וויניקסטנס:

איך בין צו־הויך געבאָרן צו ווערן געאייגנט;
צו זיין אַ צווייטע האַנט ביים שפּיל,
אָדער אַ נוצלעכער באַדינער און ווערקצייג
צו וועלכן עס איז הערשנדיגן שטאַט אין
דער וועלט.

דער וואָס גיט זיך אינגאַנצן איבער צו זיינע מיטמענשן זעט ביי זיי אויס צו זיין נוצלאָז און אייגנ־נוציק; אָבער דער וואָס גיט זיך זיי איבער נאָר טייל־ווייז ווערט באַזונגען אַלס וואָלטעטער און מענשנ־פריינד.

ווי פאַסט פאַר אַ מענשן זיך צו באַנעמען צו זיין אַמעריקאַנער רעגירונג היינט צו טאָג? איך ענטפער, אַז ער קען ניט אָן חרפה זיין איר חבר. איך קען פאַר קיין איין מאָמענט ניט אנערקענען יענע פּאָליטישע קערפּערשאַפט אַלס מיין רעגירונג, וועלכע איז אויך די רעגירונג פון דעם שקלאַף.

אַלע מענשן אַנערקענען דאָס רעכט פון רעוואָ־

לוציע; דאָס הייסט, דאָס רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון אָנגעהעריקייט, און צו ווידערשטעלן זיך דער רע־גירונג ווען איר טיראַניי און ניט־ווירקזאַמקייט זיינען גרויס און אומדערטרעגלעך. אָבער כמעט אַלע זאָגן, אַז איצט איז דאָס ניט דער פאַל. דאָס איז יע געווען דער פאַל, דענקען זיי, אין צייט פון דער רעוואָלוציע פון 1775. ווען איינער וואָלט מיר זאָגן, אַז די רעגי־רונג איז געווען אַ שלעכטע, דערפאַר, וואָס זי האָט אַרויפגעלייגט געוויסע שטייערן אויף פרעמדע סחורה וואָס מ׳האָט צוגעבראַכט צו אירע האַפנס, וואָלט איך העכסט ווארשיינלעך ניט געמאַכט דערפון קיין וועזן, ווייל איך קען גאַנץ גוט אויסקומען אָן יענע סחורה. יעדע מאַשין האָט איר רייבונג; און עס איז מעגלעך, אַז דאָס אַליין טוט אויף גענוג גוטעס צו איבערוועגן דאָס שלעכטע. אַלנפאַלס, עס מוז זיין אַ גרויסער אומ־רעכט צו מאַכן אַן אויפרודערונג צוליב דעם. אָבער ווען די רייבונג דערגרייכט די שטופע, אַז זי באַזיצט די מאַשין, ווען אונטערדריקונג און באַרויבונג ווערן אָרגאַניזירט — דאַן, זאָג איך, לאָמיר אינגאַנצן ניט האָבן אַזאַ מאַשין! אין אַנדערע ווערטער, ווען אַ זעקסטל־חלק פון דער באַפעלקערונג פון אַ נאַציאָן, וועלכע האָט אונטערנומען צו זיין דער אַזיל פון פרייהייט, ווערט געהאַלטן אין שקלאַפעריי, און אַ גאַנץ לאַנד ווערט אומגערעכט באַפאַלן און באַזיגט פון אַ פרעמדער אַרמיי און אונטערוואָרפן צום מילי־טערישן געזעץ, דענק איך, אַז עס איז ניט צו־איבער־איילט פאַר ערלעכע מענשן צו רעוואָלטירן און פאַר־נעמען זיך אויף דעם וועג פון רעוואָלוציע. וואָס עס מאַכט דידאָזיקע פליכט מער דרינגנדיק איז דער

פאַקט, וואָס דאָס לאַנד וועלכע איז באַפאַלן געוואָרן איז ניט אונזער לאַנד, נאָר אונזערס איז די אַרמיי וועלכע האָט אַריינגעדרונגען אין אַ פרעמד לאַנד.

פעילי, אַן אנערקענטער אויטאָריטעט ביי פילע מענשן וועגן פראַגן פון מאָראַל, אין זיין קאַפּיטל וועגן „די פליכט צו אונטערוואַרפנהייט צו ציווילער רעגירונג" דערפירט אַלע ציווילע פאַרפליכטונגען צום פונקט פון נוצבאַרקייט; און ער פאַרנעמט זיך צו דערקלערן, אַז „אַזוילאַנג ווי די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט פאָדערן עס, ד.ה. אַזוילאַנג ווי די עטאַבלירטע רעגירונג קען ניט ווידערשטאַנען אָדער געענדערט ווערן אָן גרויסער, אַלגעמיינער אומ־באַקוועמלעכקייט, איז עס דער ווילן פון גאָט . . . אַז די עטאַבלירטע רעגירונג זאָל אויסגעפאָלגט ווערן — אָבער ניט לענגער!" ווען מיר נעמען אָן אָט דעם פרינציפ ווערט די גערעכטיקייט פון יעדן באַשטימטן פאַל פון ווידערשטאַנד אַרונטערגעבראַכט צו דער אויסרעכנונג וועגן דער מאָס פון געפאַר און אומצו־פרידנהייט פון איין זייט, און דער וואַרשיינלעכקייט און אויסגאַבן, כדי דאָס צו באַזייטיקן, פון דער אַנ־דער זייט. פאַר דעם, זאָגט פעילי, דאַרף יעדער איינצלנער זיין דער ריכטער פאַר זיך. אָבער ווי עס זעט אויס האָט פעילי זיך ניט פאַרטראַכט וועגן יענע פאַלן צו וועלכע די מאָס פון נוצבאַרקייט קען ניט אָנגעווענדעט ווערן, אין וועלכע אַ פאָלק אַזוי גוט ווי אַן איינצלנער מענטש מוז טאָן וואָס עס איז רעכט, מעג עס קאָסטן ווער ווייסט וויפיל! אויב איך האָב אומגערעכט אַרויסגעריסן אַ ברעט פון די הענט פון אַ מענשן וואָס האַלט ביים דער־

טרונקען ווערן, מוז איך דאָס אים צוריקגעבן ווען איך זאָל אַליין אַפילו דערטרונקען ווערן. דאָס וואָלט, לויט פּעילי'ס אנזיכט, געווען אומבאַקוועם, אָבער דער מענש וואָס וואָלט אין אַזאַ פּאַל ראַטעווען זיין לעבן, דאַרף עס פאַרלירן! אונזער פאָלק מוז אויפ־הערן צו האַלטן שקלאַפן, און צו פירן קריג מיט מעקסיקאַ, מעג עס אַפילו קאָסטן אונזער עקזיסטענץ אַלס פאָלק.

אין זייער פּראַקטיק שטימען די פעלקער איין מיט פּעילי; דענקט אָבער ווער עס איז, אַז מאַסאַ־טשוסעטס טוט פּינקטלעך וואָס איז רעכט אין דעם איצטיקן קריזיס?

א חצופה מיט אַן אָנשטעל, מיט זילבער
די קלייד באַפּוצט;
איר שלעפּע הויבט זי אויף, איר נשמה
שלעפּט זיך אין שמוץ.

פּראַקטיש רייידנדיק, די קעגנער פון רעפאָרמען אין מאַסאַטשוסעטס זיינען ניט די הונדערט טויזנט פּאָליטיקער פון די דרום־שטאַטן, נאָר אַ הונדערט טויזנט סוחרים און פאַרמער דאָ אין מאַסאַטשוסעטס גופא, וועלכע זיינען מער פאַראינטערעסירט אין האַנדל און אַגריקולטור איידער אין דער מענשהייט, און זיי זיינען ניט גרייט צו טאָן גערעכטיקייט צום שקלאַף אָדער צו מעקסיקאַ **אום וואָס פאַר אַ פּרייז עס זאָל ניט זיין**. איך קריג זיך ניט מיט די וייטע שונאים, נאָר מיט די וואָס זייענדיק דאָ, נאָענט דערביי, אַרבעטן זיי מיט און פירן דורך דעם געבאָט פון יענע וואָס זיינען וויט פונדאַנען, און אָן וועמען די לעצטע וואָלטן געווען אומשעדלעך.

מיר זיינען געוואוינט צו זאָגן, אַז די מאַסע פון די מענשן איז ניט צוגעגרייט; אָבער אויסבעסערונג קומט פאַר לאַנגזאַם דערפאַר וואָס די ווייניקע זיינען ווערנטלעך ניט קליגער אָדער בעסער ווי די פילע. עס איז ניט אַזוי וויכטיק אַז פילע זאָלן זיין אַזוי גוט ווי איר; וויכטיק איז, אַז עס זאָל זיין פיל־ווייניק אַבסאָלוטע גוטסקייט ערגעצוואו; ווארום דאָס וועט אויפ׳ערן דאָס גאַנצע טייג. עס זיינען דאָ טויזנטער וועלכע זיינען אין געדאַנק אַנטשלאָסן קעגן שקלאַ־פעריי און דער מלחמה, וועלכע טוען אָבער אין דער ווירקלעכקייט גאָרנישט צו מאַכן אַ סוף צוביידע זאַכן; וועלכע באַטראַכטנדיק זיך אַלס די קינדער פון וואַשינגטאָן און פרענקלין, זיצן זיך רואיק מיט זיי־ערע הענט אין די קעשענעס און זאָגן, אַז זיי ווייסן ניט וואָס צו טאָן, און טוען גאָרנישט; וועלכע לייגן אַפילו אָפּ די פראַגע פון פרייהייט כדי צו פאַרהאַנד־לען פריער די פראַגע פון פרייען האַנדל; זיי לייענען יעדן נאָכמיטאָג גאַנץ געמיטלעך דעם פרייז־קוראַנט צוזאַמען מיט די נייעס פון דער מלחמה אין מעקסיקא, און שלאָפן גאַנץ מעגלעך רואיק איין לייענענדיק ביידע זאַכן. וואָס איז דער פרייז־קוראַנט פון אַן ערלעכן מענשן און אַ פאַטריאָט היינט צו טאָג? זיי שטאַמלען און זיי באַדויערן, און צומאָל שרייבן זיי אונטער ביטעס; אָבער זיי טוען ניט קיין זאַך ערנסט און ווירקזאַם. זיי וועלן וואַרטן געמיטלעך פאַר אַנ־דערע צו באַזייטיקן דעם איבל, זיי זאָלן עס מער ניט האָבן און דאַרפן באַדויערן. העכסטנס וועלן זיי אָפּ־געבן אַ ביליקע שטימע אין די וואַלן, אַ שוואַכע אונטערשטיצונג און אַ „גייט געזונד!״ צו די גע־

רעכטע ווען יענע גייען זיי פּאַרביי. עס זיינען דאָ ניין הונדערט און ניין און ניינציק אונטערשטיצער פון טוגנט אויף יעדן איין טוגנטהאַפטן מענשן; עס איז אָבער גרינגער צו האַנדלען מיט דעם ווירקלעכן באַזיצער פון אַ זאַך איידער מיט אַ צייטווייליקן אויפפּאַסער אויף איר.

יעדע אָפּשטימונג איז אַ מין געוועט־שפּיל, ווי דאַמקעס אָדער צייכנס, מיט אַ לייכטער מאָראַלער צופאַרבונג, אַ מין שפּילן זיך אין רעכט און אומרעכט אין פאַרבינדונג מיט אַן ערנסטער מאָראַלער פראַגע; און דאָס ווערט נאַטירלעך באַגלייט מיט אַ מין וועטן־זיך. דער כאַראַקטער פון די שטים־אָפּגעבער ווערט ניט געשטעלט אין קאָן. איך וואַרף אַריין מיין שטים־צעטל וואַרשיינלעך ווי איך דענק אַז עס איז רעכט; אָבער איך בין ניט וועזנטלעך פאַראינטערעסירט, אַז דאָס גערעכטע זאָל באַשטיין. איך בין ווילּיק דאָס איבערצולאָזן צו דער מערהייט. איר פאַרפליכטונג הייסט עס שטייגט קיינמאָל ניט אַריבער די מעגלעכ־קייט צוצופּאַסן זיך. אַפילו שטימען פאַר דאָס וואָס איז גערעכט מיינט גאָרנישט טאָן פאַר דעם. עס איז בלויז אַ שוואַכער אויסדרוק פון דעם וואונש אַז דאָס זאָל געשען. אַ קלוגער מענש וועט ניט איבערלאָזן דאָס וואָס ער באַטראַכט פאַר גערעכט צום חסד פון צופאַל, אויך וועט ער ניט ווינשן צו זען עס צושטאַנד געבראַכט דורך דער קראַפט פון דער מערהייט. עס איז דאָ זייער וויייניק טוגנט אין די האַנדלונגען פון מאַסן מענשן. ווען די מערהייט וועט ענדלעך שטימען פאַר דער אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי, וועט עס זיין דערפאַר וואָס זיי זיינען גלייכגילטיק צו שקלאַפעריי,

אָדער דערפאַר וואָס עס איז שוין דאָ זייער ווייניק שקלאַפעריי אָפּגעשאַפט צו ווערן דורך זייער שטימע. זיי וועלן דאַן זיין די איינציקע שקלאַפן. נאָר ז י י ן שטימע קען נענטער-ברענגען די אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי, ווער עס שטעלט פעסט פאַר אַלעמען זיין אייגענע פרייהייט דורך זיין שטימע.

איך הער וועגן אַ צוזאַמענפאָר וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן ערגעץ וואו פאַר דער דערוויילונג פון אַ קאַנדידאַט פאַר פרעזידענט. דער צוזאַמענפאָר וועט באַשטיין הויפּטזעכלעך פון ציַיטונגס-רעדאַקטאָרן און מענער וועלכע זיינען פּאָליטיקער ביי פּראָפעסיע; אָבער איך טראַכט, וואָס פאַר אַן אונטערשייד מאַכט עס פאַר אַן אינטעליגענטן, זעלבסטשטענדיקן און זיך-אַכטנדיקן מענשן, צו וואָס פאַר אַ באַשלוס זיי וועלן דאָרט קומען? זאָלן מיר דערפאַר ניט האָבן דעם פאָרצוג פון דעם אינטעליגענטן מענשנ׳ס קלוגשאַפט און ערלעכקייט? קענען מיר דען ניט רעכענען אויף אַ צאָל אומאָפּהענגיקע שטימען? זיינען דען ניט פאַראַן אין לאַנד אַ גרויסע צאָל מענשן, וועלכע באַטייליקן זיך ניט אין קיין צוזאַמענפאָרן? אָבער, ניין: איך געפין אַז דער רעספּעקטאַבעלער מאַן האָט אין איילעניש זיך דערווייטערט פון זיין פּאָזיציע, און איז פאַרצווייפלט וועגן זיין לאַנד, בעת זיין לאַנד האָט מער אורזאַכע צו זיין פאַרצווייפלט בנוגע אים. ער נעמט גלייך אָן איינעם פון די קאַנדידאַטן וואָס ווערן אויף דעם וועג אויסגעקליבן אַלס דעם איינציקן פּאַסנדיקן, באַווייזנדיק אויף דעם וועג אַז ער אַליין איז צוגעפּאַסט צו דינען יעדן צוועק פון דעם דעמאַגאָג. זיין שטימע האָט ניט מער ווערט ווי די פון

אַ פּרינציפּנלאָזן אויסלענדער אָדער פון אַ דאָ־געבאָ־
רענער פאַרקויפטער נשמה, וועלכן מ׳קען קויפן. אַ,
וואו נעמט מען אַ מענשן וואָס איז אַ מענש, און ווי
מיין שכן זאָגט, האָט אַ ביין אין רוקן דורך וועלכן
איר קענט ניט דורכפירן אייער האַנט! אונזערע סטאַ־
טיסטיקס זיינען פעלערהאַפטע — די באַפעלקערונג
ווערט איבערטריבן: וויפיל מענשן זיינען דאָ צו
יעדן סקווער־מייל דאָ אין לאַנד? קוים איינער! האָט
ניט אַמעריקע וואָס אָנצובאָטן די מענשן זיי זאָלן זיך
דאָ באַזעצן? דער אַמעריקאַנער האָט זיך פאַרוואַנדלט
אין אַ ספּעציפישן חברה־מיטגליד — אַ מענש
וועלכן מ׳קען דערקענען דורך דער אַנטוויקלונג פון
זיין נויגונג צו אָנגעהעריקייט און דער אַרויסווייזונג
פון מאַנגל אין אינטעלעקט און פריידיקער זעלבסט־
פאַרטרויאונג; וועמענס ערשטע און הויפּטזאָרג אָנ־
קומענדיק אין דער וועלט איז צו זען, אַז די צדקה־
אַנשטאַלטן זאָלן זיין אין גוטער אָרדנונג; און נאָך
איידער ער קען געזעצמעסיק אָנטאָן די קליידער פון
אַ דערוואַקסענעם זאָל ער אָנהויבן זאַמלען אַ פאָנד
פאַר דער אונטערשטיצונג פון אלמנות און יתומים,
וואָס וועלן זיך מסתמא געפינען; אַ מענש וואָס לעבט,
מיט איין וואָרט, נאָר דורך דער הילף פון די ״קעגנ־
זייטיקע פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטן״, וועלכע פאַר־
שפּרעכן צו באַערדיקן אים אויף אַן אנשטענדיקן וועג.

עס איז ניט דעם מענשנס פליכט, ווי אַ פאַר־
שטענדלעכע זאַך, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט דער
באַזייטיקונג פון וועלכע־עס־איז, אַפילו די ערגסטע,
אומרעכטן; ער קען זיך גאַנץ געהעריק האָבן אַנדערע
אויפגאַבן מיט וועלכע זיך צו פאַרנעמען; אָבער עס

איז יע זיין פליכט, וויינקסטנס צו האַלטן זיינע הענט ריין פון דעם אומרעכט; און אויב ער טראַכט ניט מער וועגן דעם, זאָל ער עס פּראַקטיש ניט געבן זיין אונטערשטיצונג. אויב איך ווידמע זיך צו אַנדערע טעטיקייטן און באַטראַכטונגען, מוז איך צוערשט זען, אַז איך זאָל עס ניט טאָן זיצנדיק אויפן רוקן פון אַן אַנדער מענטשן. איך מוז, די ערשטע זאַך, אַראָפּ־קריכן פון זיין פּלייצע, כדי ער זאָל אויך קענען נאָכ־פאָלגן זיינע באַטראַכטונגען. זעט נאָר וואָס פאַר אַ גראָבע ווידערשפּרוכן עס ווערן געדולדעט. איך האָב געהערט מאַנכע פון מיינע שטאָט־לייט זאָגן: „איך וואָלט געוואונטשן זיי זאָלן מיר באַפעלן צו גיין העלפן אונטערדריקן אַן אויפשטאַנד פון די שקלאַפן, אָדער האַלטן מלחמה קעגן מעקסיקא — איר וועט דאַן זען צי איך וועל גיין!” און דאָך האָבן דיזעלביקע מענטשן דירעקט דורך זייער טרייהייט צו דער רעגירונג, און אַזוי אַרום אומדירעקט דורך זייער געלט, צוגעשטעלט אַנדערע אין זייער פּלאַץ וועלכע זאָלן עס יע טאָן. דער זעלנער וואָס זאָגט זיך אָפּ צו קעמפן אין אַן אומגערעכטער מלחמה ווערט אַפּלאָדירט פון די, וואָס זאָגן זיך ניט אָפּ פון אויפהאַלטן אַן אומגערעכטע רעגירונג, וועלכע פירט די מלחמה; ער ווערט אַפּלאָ־דירט פון דיזעלביקע מענשן וועמענס האַנדלונג און אויטאָריטעט ער פאָלגט ניט אוים און מאַכט צו גאָר־נישט; פונקט ווי דער שטאַט וואָלט געוועזן אַ בעל־תשובה ביז צו אַזאַ גראַד, אַז עס וואָלט גערונגען אימעצן ער זאָל עס שלאָגן מלקות בעת עס זינדיקט, אָבער ניט אַזוי ווייט אַז עס זאָל פאַר אַ מאָמענט אויפהערן צו זינדיקן. אַזוי אַרום ווערן מיר אַלע אין

נאָמען פון אָרדנונג און ציווילער רעגירונג געמאַכט צו צאָלן צינזן און אונטערשטיצן אונזער אייגענע געמיינהייט. נאָך דעם ערשטן רויט-ווערן פון שאַנדע פאַר דער זינד קומט אַ געוויסע גלייכגילטיקייט, און פון אום-מאָראַליש ווערט אַ זאַך, מ׳קען זאָגן, אַ-מאָ-ראַליש און ניט אינגאַנצן אומנויטיק צו דעם לעבן וואָס מיר האָבן פאַר זיך איינגעשטעלט.

דער ברייטסטער און מער פאַרשפרייטסטער טעות פאָדערט די ריינסטע, העכסט-אומפּערזענלעכע טוגנט אים צו אונטערשטיצן. דעם גרינגן פאַרוואורף צו וועלכן די טוגנט פון פּאַטריאָטיזם איז געוואוינלעך אונטערוואָרפן, דאַרפן די איידעלע מענשן אוודאי דערפילן. די מענשן וועלכע גיבן דער רעגירונג זייער טריישאַפט און אונטערשטיצונג, טראָץ דעם וואָס זיי שטימען ניט איין מיט איר כאַראַקטער און באַנע-מונג, זיינען אומצווייפלהאַפט אירע העכסט באַ-וואוסטזיניקע אונטערשטיצער, און אַזוי אַרום זיינען זיי אָפט די גרעסטע שטערונג צו רעפאָרם. מאַנכע שרייבן אונטער פּעטיציעס צום שטאַט, אַז ער זאָל זיך צוריקציען פון פעדעראַלן פאַרבאַנד, ניט אוים-צופאָלגן די פאַראָרדנונגען פון פרעזידענט. וואָרום לייזן זיי עס אַליין ניט אויף — די פאַרבינדונג צווישן זיי און דעם שטאַט — דורך אָפּזאָגן זיך צו צאָלן זייער סכום צו דער קאַסע? שטייען זיי דען ניט אין דער-זעלביקער פאַרהעלטנים צום שטאַט אין וועלכער דער שטאַט שטייט צו דער פאַראייניקונג פון אַלע שטאַטן? און האָבן דען ניט די זעלביקע אורזאַכן צוריקגעהאַלטן דעם שטאַט פון אַנטקעגנשטעלן זיך צום גאַנצן פאַר-באַנד, וועלכע האַלטן צוריק דעם איינצלנעם בירגער

פון שטעלן זיך קעגן דעם שטאַט?

ווי קען אַ מענש זיין צופרידן מיט בלויז האָבן אַ מיינונג און האָבן נחת דערפון? איז דען דאָ וועלכע עס איז צופרידנשטעלונג ווען זיין מיינונג איז אַזאַ וואָס ברענגט אים אורזאַכע צו באַקלאָגן זיך? ווען דו ווערםט אָפּגענאַרט פון דיין שכן וועסטו ניט צופרידנ־שטעלן זיך מיט דעם באַוואוסטזיין אַז ער האָט דיך אָפּגענאַרט, אָדער מיט דעם זאָגן אַז ער האָט דיך אָפּגענאַרט, אָדער אַפילו מיט אונטערשרייבן אַ פּעטיציע, אַז ער זאָל דיר צוריקגעבן וואָס דיר קומט; נאָר דו וועסט גלייך אָננעמען ווירקזאַמע מיטלען כדי צוריקצוקריגן דעם פולן סכום, און צו זען אַז דו זאָלסט מער ניט באַשווינדלט ווערן. האַנדלונג פון פּרינציפּ, פון דער אויפפאַסונג און דערפירונג פון דעם וואָס איז רעכט, ענדערט זאַכן און פאַרהעלטנישן; דאָס איז אין עצם רעוואָלוציאָנער און עס שטימט ניט איין אינגאַנצן מיט קיין זאַך וואָס איז פריער געווען. דאָס צעטיילט ניט נאָר שטאַטן און קירכן, דאָס צעטיילט פאַמיליען; ניין, עס צעטיילט דעם איינצלנעם מענשן, אָפּזונדערנדיק דאָס טייוולשע אין אים פון דאָס געטלעכע.

עס עקזיסטירן אומגערעכטע געזעצן: דאַרפן מיר זיין צופרידן זיי צו פאָלגן, אָדער דאַרפן מיר זוכן זיי אויסצובעסערן, און אויספאָלגן זיי ביז מיר וועלן זיין דערפאָלגרייך; אָדער זאָלן מיר זיי גלייך אַריבערטרעטן? מענשן בכלל, אונטער אַזאַ רעגירונג ווי די איצטיקע, דענקען אַז זיי דאַרפן וואַרטן צו ענדערן דעם געזעץ ביז זיי וועלן האָבן באַקערט אַ מערהייט צו זייער מיינונג. זיי דענקען אַז אויב זיי זאָלן זיך

קעגנשטעלן וועט די רפואה זיין ערגער ווי די מכה. אָבער עס איז דאָך די שולד פון דער רעגירונג גופא, וואָס די רפואה וועט זיין ערגער ווי די מכה — זי מאַכט עס ערגער! וואָרום איז זי ניט מער צוגעפּאַסט צו זיין פאַרבאַרייטעט און מאַכן פּלאַץ פאַר אויסבעסערונגען? וואָרום ווייזט זי ניט אַרויס קיין אַכטונג פאַר אַ קלוגער מינדערהייט? וואָרום מאַכט זי אַזעלכע גוואַלדן און שטעלט אַרויס אַזאַ ווידערשטאַנד איידער זי ווערט נאָך באַשעדיקט? וואָרום דערמוטיקט זי ניט די בירגער זיי זאָלן זיין אויף דער וואַך און אָנווייזן אירע שוואַכקייטן, און האַנדלען בעסער ווי זי פאַרלאַנגט פון זיי? וואָרום קרייציקט זי אַלעמאָל דעם דערלייזער און לייגט אַריין אין חרם קאָפּערניקוס און לוטער, און דערקלערט אַלס בונטאָווטשיקעס וואַשינגטאָן און פראַנקלין?

מען וואָלט געקענט דענקען, אַז דער רעגירונג איז קיינמאָל ניט אַרויף אויפן געדאַנק די מעגלעכקייט מענשן זאָלן איבערלייגט און פּראַקטיש צוריקווייזן איר אויטאָריטעט; ווען יע, וואָרום האָט זי ניט פעסטגעשטעלט קיין באַשטימטע, פּאַסיקע און אויסגערעכנטע שטראָף? אויב אַ מענש וואָס האָט ניט קיין פאַרמעגן זאָגט זיך נאָר איינמאָל אָפּ פון פאַרדינען ניין שילינג פאַר דער רעגירונג, וואַרפט מען אים אַריין אין פּריזאָן פאַר אַ צייט וואָס איז ניט באַשרענקט פון קיין געזעץ וועלכער איז מיר באַקאַנט, און די צייט ווערט באַשטימט נאָר פון דעם ווילקיר פון די וואָס האָבן אים דאָרט אַריינגעזעצט; אָבער ווען ער זאָל גנב'ענען ניינציק מאָל ניין שילינג פון

דעם שטאַט, וועט ער באַלד דערלויבט ווערן צו זיין ווידער אויף דער פריי.

אויב דאָס אומרעכט איז אַ נויטיקער טייל פון דער רייבונג פון דער רעגירונגס-מאַשין, דאַן זאָל עס גיין! זאָל עס גיין! מעגלעך אַז מיט דער צייט וועט זיך עס איינרייבן און לויפן גלאַט — אַוודאי וועט די מאַשין זיך אויסרייבן. אויב דאָס אומרעכט האָט אַ ספּרוזשינע, אַ רעדל, אַ שטריק, אָדער אַ דריי-הענטל אינגאַנצן פאַר זיך, דאַן דאַרף מען אפשר באַטראַכטן צי די רפואה וועט ניט זיין ערגער ווי דער איבל; אָבער אויב עס איז פון אַזאַ נאַטור, אַז דו זאָלסט זיין דער אַגענט פון אומרעכט צו אַנאַנדערן, דאַן, זאָג איך: ברעך דעם געזעץ! זאָל דיין לעבן זיין אַ קעגנגעזעצטע רייבונג אָפּצושטעלן די מאַשין. וואָס איך האָב צו טאָן איז צו זען, אונטער אַלע אומשטענדן, אַז איך זאָל ניט ווערן קיין אַרויסהעלפער צו דעם אומרעכט וועלכן איך פאַרדאַם.

וואָס איז שייך דער מעגלעכקייט אָנצונעמען די וועגן וואָס דער שטאַט האָט באַשטימט פאַר דער אויסבעסערונג פון די איבלען, ווייס איך ניט פון אַזעלכע וועגן. זיי נעמען צופיל צייט, און דעם מענשנס לעבן וועט זיין פאַרביי. איך האָב אָבער אַנדערע אַנ-געלעגנהייטן צו באַזאָרגן. איך בין געקומען אויף דער וועלט ניט הויפּטזעכלעך צו מאַכן עס פאַר אַ גוטן פּלאַץ אין וועלכן צו לעבן; נאָר צו לעבן דאָ, אין דער וועלט, צי זי איז גוט צי שלעכט. אַ מענש האָט ניט די אויפגאַבע צו טאָן אַלץ, נאָר ע ט וו אָ ס! און דערפאַר וואָס ער קען ניט טאָן אַלץ, איז ניט נויטיק אַז ער זאָל טאָן ע ט וו אָ ס פאַל-

שעם. עס איז ניט מיין אויפגאַבע צו שיקן פּעטי־ציעס צום גובערנאַטאָר, אָדער צו דער געזעצגעבונג, ניט מער ווי עס איז זייער אויפגאַבע צו שיקן פּע־טיציעס צו מיר; און ווען זיי שענקען ניט קיין אויפ־מערקזאַמקייט צו מיין פּעטיציע, וואָס דאַרף איך דאַן טאָן? אָבער אין דעם פאַל האָט דער שטאַט ניט פאַר־באַרייט קיין וועג; אין זיין קאָנסטיטוציע גופא ליגט דער איבל. דאָס קען אויסזען צו זיין האַרט, איינגע־שפּאַרט און קעגנעריש, אָבער, ניין, דאָס מיינט צו באַהאַנדלען מיט דער העכסטער פריינדלעכקייט און איינזיכט דעם איינציקן גייסט וואָס קען עס אָפּשאַצן און פאַרדינט עס. אַזוי איז יעדע ענדערונג צום בע־סערן, ווי געבורט און טויט, וועלכע טרייסלען אויף דעם גאַנצן קערפּער.

איך האַלט זיך ניט צוריק פון צו זאָגן, אַז די יעניקע וואָס רופן זיך אַבאָליציאָנטן (פאַר דער אָפּ־שאַפונג פון שקלאַפעריי) דאַרפן גלייך ווירקזאַם צו־ריקציען זייער שטיצע, ביידעס, אין פּערזאָן און אין אייגנטום, פון דער רעגירונג פון׳ם שטאַט מאַסאַטשו־סעטס, און ניט וואַרטן ביז זיי וועלן ווערן אַ מערהייט פון איינעם איידער זיי וועלן פאַרטראָגן דורכצוזעצן אַז רעכט זאָל עטאַבלירט ווערן דורך זיי. איך דענק, אַז עס איז גענוג אויב זיי האָבן גאָט אויף זייער זייט, ניט צו וואַרטן ביז זיי וועלן האָבן אַ מערהייט פון איינעם. נאָכמער, יעדער מענש וואָס איז מער גע־רעכט ווי זיינע שכנים שטעלט מיט זיך שוין פאַר אַ מערהייט פון איינעם.

איך באַגעגן די אַמעריקאַנער רעגירונג, אָדער איר פאַרשטייער, די שטאַט־רעגירונג, דירעקט, פּנים אל

פנים, נאָר איינמאָל אין יאָר — ניט מער — אין דער פערזאָן פון איר שטייערן־זאַמלער; דאָס איז דער איינ־ציקער וועג אין וועלכן אַ מענש אין אַזאַ לאַגע ווי מיינע, באַגעגנט אים נויטווענדיקערווייזע, און דאַן זאָגט דער שטאַט צו מיר גאַנץ איינפאַך: „אנערקען מיך!” און דער איינפאַכסטער און ווירקזאַמסטער וועג, און אונטער די איצטיקע אומשטענדן דער אומ־פאַרמיידלעכסטער וועג, ווי צו האַנדלען מיט אים אין דער הינזיכט אויף אויסצודריקן ווי ווייניק צופרידנ־הייט און ליבע דו האָסט פאַרן שטאַט, איז צוריקצו־ווייזן זיין פאָדערונג גלייך אויפן אָרט. מיין ציווילער שכן, דער שטייערן־זאַמלער, איז פונקט דער מאַן מיט וועלכן איך דאַרף האַנדלען — ווארום נאָכאַלעמען איז עס דאָך מיט מענשן, ניט מיט דעם פּאַרמעט (אויף וועלכע די קאָנסטיטוציע איז געשריבן) וואָס איך האָב אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט — און ער האָט פרייוויליק אויסגעקליבן צו זיין דער פאָרשטייער פון דער רע־גירונג. ווי קען ער ווען עס איז ווייסן, וואָס ער איז און טוט אַלס באַאַמטער פון דער רעגירונג, אָדער אַלס מענש, ביז ער איז געצוואונגען צו באַטראַכטן צי זאָל ער מיר, זיין שכן, פאַר וועמען ער האָט אַכטונג, באַ־האַנדלען ווי אַ שכן און אַ גוט־מיינענדיקן מענשן, אָדער ווי אַ מאַניאַק, ווי אַ שטערער פון דער רו, און זען צי קען ער בייקומען די שטערונג צו זיין שכנה־שאַפט אָן פאַרגרעבטע און בייזע אויסדרוקן, וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו זיין האַנדלונג? דאָס ווייס איך זייער גוט, אַז ווען אַ טויזנט, אַ הונדערט, אָדער נאָר צען מענשן, וועלכע איך קען אָנרופן ביי די נעמען — ווען נאָר צען ערלעכע מענשן — יע, ווען נאָר

איין ערלעכער מענש אינ'ם שטאַט מאסאטשוסעטס אויפהערנדיק צו האַלטן שקלאַפן, וואָלט ווירקלעך זיך צוריקגעצויגן פון שותפות מיט דעם שטאַט און וואָלט דערפאַר איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער אָרטיקער תפיסה, וואָלט דאָס געווען די אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי אין אַמעריקע. ווארום עס מאַכט ניט אויס ווי קליין דער אָנהויב זאָל ניט אויסזען צו זיין: וואָס עס ווערט נאָר איינמאָל ריכטיק געטאָן איז אַן אויפטו פאַר אַלע צייטן. אָבער מיר ליבן בעסער צו ריידן וועגן דעם: דאָס זאָגן מיר איז אונזער אויפגאַבע. די רעפאָרם באַוועגונג האָט פילע צייטונגען צו איר דינסט, אָבער ניט קיין איין מענשן. ווען מיין חשוב'ער שכן, דער אַמבאַסאַדאָר פון שטאַט, וועלכער גיט אָפּ זיינע טעג אויף דער לייזונג פון דער פראַגע וועגן מענשלעך רעכט אין דער געזעצגעבונגס-קאַמער, אַנשטאַט צו זיין אויסגעשטעלט דער געפאַר פון טורמע אין קאַראָליינע (אַ דרום-שטאַט אין וועלכן שקלאַפעריי איז צו יענער צייט געווען געזעצלעך) וואָלט געלאָזט זיך אַריינזעצן אין טורמע דאָ אין מאסאטשוסעטס, דאַן וואָלט די געזעצגעבונג ניט געקענט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די פראַגע דעם פאָלגנדיקן ווינטער.

אונטער אַ רעגירונג וועלכע פאַרהאַפטעט איין מענשן אומגערעכט איז דער ריכטיקער פלאַץ פאַר אַן אויפריכטיקן מענשן צו זיין אויך אין טורמע. דער ריכטיקער פלאַץ היינט צו טאָג, דער איינציקער פלאַץ וועלכן דער שטאַט מאסאטשוסעטס האָט פאַר זיינע פרייערע און ווייניקער דערשלאָגענע גייסטער, איז אין די טורמעס וואו זיי וועלן זיך געפינען אויסערן

און אויסגעשלאָסן פון שטאַט דורך דעם שטאַטס אייגענער האַנדלונג, פונקט ווי זיי האָבן זיך אַליין שוין אויסגעשלאָסן דורך זייערע פרינציפן. עס איז דאָרט, אין טורמע, וואו דער אַנטלאָפענער שקלאַף, דער מעקסיקאַנער קריגס־געפאַנגענער, באַפרייט אויף זיין אייגן וואָרט, און דער אינדיאַנער ווען ער קומט פאָרצולייגן די קריוודעס פון זיין פאָלק זאָל זיי געפינען; אויף יענעם באַזונדערן אָבער מער פרייען און ערנהאַפטן באָדן וואו דער שטאַט האַלט די יעניקע וואָס זיינען ניט מיט אים, נאָר קעגן אים — אין דער איינציקער הויז אין אַ שקלאַפן־שטאַט אין וועלכער אַ פרייער מענש קען וואוינען בכבוד. אויב ווער עס איז דענקט, אַז זייער איינפלוס וועט דאָרט פאַרלאָרן גיין און זייערע שטימען וועלן מער ניט באַאומרואיקן די אויערן פון שטאַט, אַז זיי וועלן ניט זיין דאָרט ווי אַ שונא אינווייניק אין די ווענט פון שטאַט, יענע ווייסן ניט מיט וויפיל דער אמת איז שטאַרקער ווי די טעות׳האַפטע באַנעמונג, אָדער אויף וויפיל מער ווירקזאַם איינער קען באַקעמפן אומגערעכטיקייט ווען ער האָט עס פיל־ווייניק פאַרזוכט אין זיין אייגענער פערזאָן. וואַרפט אַריין אייער גאַנצע אָפשטימונגס־קראַפט, ניט בלויז אַ קליין שטיקל פאַפיר, נאָר אייער גאַנצן איינפלוס. אַ מינדערהייט איז מאַכטלאָז ווען זי פאַסט זיך צו צו דער מערהייט; עס הערט דאַן אויף צו זיין אַפילו אַ מינדערהייט; אָבער עס איז אומבאַזיגבאַר ווען עס שטערט דעם גאַנג מיט איר גאַנצער וואָג. אויב די איינציקע ברירה זאָל זיין צו האַלטן אַלע אויפריכטיקע מענשן אין טורמע אָדער אויפגעבן די מלחמה און אָפשאַפן די שקלאַפעריי, וועט דער

שטאַט זיך ניט קווינקלען וועלכעס אויסצוקלייבן. ווען אַ טויזנט מענשן זאָלן ניט באַצאָלן זייערע שטייערן דאָס יאָר, וואָלט עס ניט געווען קיין גוואַלדזאַמע און בלוטיקע מאָסנאַמע ווי דאָס איז ווען זיי באַצאָלן עס יע און גיבן דערמיט דעם שטאַט אַ מעגלעכקייט צו באַגיין גוואַלדטאַטן און פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. דאָס איז אין דער ווירקלעכקייט די דעפיניציע פון אַ פרידלעכער רעוואָלוציע, אויב אַזאַ איז מעגלעך. אויב דער שטייערן-זאַמלער אָדער אַנדער שטאַט-באַאַמטער פרעגט מיך, ווי איינער האָט עס ווירקלעך געטאָן: „אָבער וואָס זאָל איך טאָן?" איז מיין ענטפער: „אויב דו ווילסט ווירקלעך עפעס טאָן, גיב אויף דיין אַמט!" ווען דער אונטערטאַן זאָל צוריקווייזן זיין געטרייע אָנגעהעריקייט און דער באַאַמטער זאָל זיך אָפזאָגן פון זיין אַמט, דאַן איז די רעוואָלוציע דורכגעפירט. אָבער שטעלט זיך אַפילו פאָר, אַז בלוט וועט פליסן, ווערט דען ניט אַ געוויסער סאָרט בלוט פאַרגאָסן ווען דער געוויסן ווערט פאַרוואונדעט? דורך אָט דער וואונד פליסט אַרויס דעם מענשנס ווירקלעכער אינהאַלט אַלס מענש און זיין אומשטערבלעכקייט, ער פאַרבלוטיקט צו אַ לאַנג-דויערנדיקן טויט. איך זע דאָסדאָזיקע בלוט פליסן איצט.

איך האָב באַטראַכט די פאַרהאַפטונג פון דעם אָנגרייפער אנשטאט צו באַטראַכטן דאָס אַוועקנעמען פון זיין פאַרמעגן — כאָטש ביידע זאַכן דינען איין און דעמזעלביקן צוועק — דערפאַר וואָס די יעניקע וועלכע באַשטייען אויף דאָס ריינסטע רעכט און זיינען פאָלגלעך די געפערלעכסטע מענשן פאַר אַ קאָרומפירטן שטאַט, האָבן געוואוינלעך ניט אַוועקגעגעבן

פיל צייט אָנצוזאַמלען אייגנטום. דער שטאַט גיט צו אַזעלכע מענשן זייער וויניק דינסט, און אַפילו אַ גאַנץ קליינער שטייער זעט אויס צו זיין איבערטריבן, איבערהויפּט ווען זיי דאַרפן עס פאַרדינען דורך ספּעציעלער אַרבעט מיט זייערע הענט. ווען עס זאָל זיין וואו אַ מענש, וואָס לעבט אינגאַנצן ניט באַנוצנדיק זיך מיט קיין געלט, וואָלט דער שטאַט אַליין זיך אפשר צוריקגעהאַלטן פון פאָדערן עס פון אים. אָבער דער רייכער מאַן — גיט צו מאַכן קיין שעדלעכע פאַרגלייכונגען — איז אַלעמאָל פאַרקויפט צו דער אינסטיטוציע וואָס מאַכט אים רייך. ריידנדיק אַבסאָלוט: וואָס מער געלט, אַלץ ווייניקער טוגנט! ווארום דאָס געלט שטעלט זיך צווישן מענשן און זיינע אַבזיכטן, און קריגט פאַר אים די זאַכן וואָס ער גלוסט, און עס איז אַוודאי ניט קיין גרוים טוגנט צו קריגן עס. געלט פאַרגלעט פילע פראַגען, וועלכע דער מענש וואָלט ניט געקענט פאַרענטפערן אָן שוועריקייטן; ווערנד די איינציקע פראַגע וואָס עס רוקט אַרוים איז די שווערע אָבער גאַנץ איבעריקע שאלה: ווי פאַרברויכט מען געלט? אויף דעם וועג ווערט דער באָדן אַוועקגענומען פון אונטער זיינע פיס. די מעגלעכקייטן צו לעבן ווערן פאַרקלענערט אין באַשטימטער פאַרהעלטנים צו דעם וואָס מיר רופן אָן „די מיטלען", ווען די לעצטע פאַרגרעסערן זיך. די בעסטע זאַך וואָס אַ מענש קען טאָן פאַר זיין אַנטוויקלונג ווען ער ווערט רייך איז באַמיען זיך אויסצופירן די פּלענער וועלכע ער האָט געהאַט ווען ער איז געווען אָרעם. יעזוס האָט געענטפערט די

הערֲדיטן*) אין איינקלאַנג מיט זייער שטאַנד: „ווייזט מיר די צינזן־געלט!״ האָט ער געזאָגט, און ווען איינער פון זיי האָט אַרויסגענומען אַ מטבע פון קעשענע האָט יעזוס דערקלערט: „אויב איר באַנוצט זיך מיט געלט וואָס האָט דאָס בילד פון צעזאַר אויף זיך און וועלכע ער האָט געמאַכט גאַנג־באַר און ווערטפול״, דאָס מיינט, א ו י ב א י ר ז י י נ ט מ ע נ ש ן פ ו ן ש ט א ַ ט און נעמט מיט צופרידנהייט אָן די פאָרצוגן פון צעזאַרס רעגירונג, דאַן צאָלט אים צוריק אַ טייל פון דאָס זייניקע ווען ער פאָדערט עס. „גיט דעריבער צו צעזאַרן דאָס וואָס איז צעזאַרס און צו גאָט די זאַכן וועלכע זיינען פון גאָט!״ איבערלאָזנדיק זיי ניט קליגער ווי זיי זיינען פריער געווען צו פאַרשטיין וואָס איז וואָס, ווארום זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרשטיין.

ווען איך שמועס מיט די פרייסטע פון מיינע שכנים זע איך איין, אַז וואָס זיי זאָלן ניט זאָגן וועגן דער גרויס און ערנסט פון דער פראַגע, און זייער אַכטונג פאַר רו און אָרדנונג אין דער געזעלשאַפט, די אונטערשטע שורה פון דער גאַנצער זאַך איז, וואָס זיי קענען זיך ניט אָפּזאָגן פון דער באַשיצונג וואָס די עקזיסטירנדיקע רעגירונג גיט זיי, און זיי האָבן מורא פאַר די פאָלגן צו זייער אייגנטום און פאַמיליען ווען מענשן זאָלן אויפהערן פאָלגן דער רעגירונג. וואָס אָנבאַלאַנגט מיר וואָלט איך קיינמאָל ניט געוואָלט דענקען, אַז איך דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף דער באַ־שיצונג פון שטאַט. אָבער אויב איך ווייז צוריק די

*) אַ פאַטריאַטישע יידישע פּאַרטיי.

אויטאָריטעט פון שטאַט ווען עס שיקט מיר צו דעם שטייערן־צעטל וועט עס איינגיכן נעמען און פאַר־שווענדן מיין גאַנצן פאַרמעגן, און אויף דעם וועג ערגערן מיך און מיינע קינדער אָן אַ סוף. דאָס איז שלעכט! דאָס מאַכט אוממעגלעך פאַר אַ מענשן צו לעבן ערלעך און אין דערזועלביקער צייט באַקוועם אין אויסערלעכע אנזיכטן. עס וועט ניט האָבן קיין זינען אָנצוזאַמלען אייגנטום וועלכע וועט גאַנץ זיכער אַוועקגענומען ווערן. איר מוזט דאַן דינגען אַ פלאַץ אָדער באַזעצן זיך אויף אַ שטיקל פעלד אָן קיין רעכט דערצו, אויסצואַרבעטן אַ קליינעם שניט און אויפעסן עס וואָס גיכער. איר מוזט לעבן פאַרטיפט אין זיך אַליין, זיך פאַרלאָזנדיק נאָר אויף זיך, זיין אַלעמאָל גרייט אין וועג אַריין און ניט האָבן קיין פילע אנגע־לעגנהייטן. אַ מענש קען ווערן רייך אַפילו אין טערקיי, ווען ער זאָל אין אַלע הינזיכטן זיין אַ גוטער אונטער־טאַן פון דער טערקישער רעגירונג. קאָנפוציוס זאָגט: „ווען דער שטאַט ווערט רעגירט לויט די פרינציפן פון שכל, זיינען אָרעמקייט און נויט זאַכן מיט וועלכע מ'דאַרף זיך שעמען; ווען דער שטאַט ווערט ניט גע־פירט לויט די פרינציפן פון שכל זיינען רייכטום און כבוד די זאַכן מיט וועלכע מ'דאַרף זיך שעמען!" ניין, ביז איך וועל וועלן אַז דער שטאַט מאסאטשוסעטס זאָל מיך באַשיצן ערגעץ־וואו אין אַ דרום־האַפן, וואו מיין פרייהייט וועט שטיין אין געפאַר, אָדער ביז איך וועל זיך פאַרנעמען בלויז מיט אויפבויען אַ פאַרמעגן אין דער היים דורך פרידלעכער אונטער־נעמונג, קען איך מיר פאַרגינען אָפצוזאָגן פון אָנגע־העריקייט צו מאסאטשוסעטס און דאָס רעכט פון

שטאַט איבער מיין אייגנטום און לעבן. עס קאָסט מיך ווייניקער אין יעדער הינזיכט צו ציען אויף זיך די שטראָף פאַר אומגעהאָרכזאַמקייט צום שטאַט איידער עס וואָלט מיך געקאָסט אים צו פאָלגן — איך וואָלט אין יענעם פאַל געפילט אַז איך בין ווערט ווייניקער.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער שטאַט זיך געווענדעט צו מיר צוגונסטן דער קירכע און האָט פון מיר געפאָדערט איך זאָל צאָלן אַ באַשטימטע סומע פאַר דער אויפהאַלטונג פון אַ גייסטלעכן וועמענס דרשות מיין פאָטער פלעגט גיין הערן, אָבער ניט איך. „באַצאָל!” האָט דער שטאַט געזאָגט, „אָדער ווער איינגעשפּאַרט אין טורמע!” איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן, אָבער אומגליקלעכערווייזע האָט אימעצער אַנדערש באַטראַכט פאַר וויכטיק דאָס צו באַצאָלן. איך האָב ניט איינגעזען וואָרום דער לערער זאָל באַשטייערט ווערן אויפצוהאַלטן דעם גלח און ניט דער גלח דעם לערער; וואָרום איך בין ניט געווען קיין לערער אָנגעשטעלט פון שטאַט, נאָר האָב זיך אַליין אויפגעהאַלטן דורך פרייוויליקע בייטראַגן. איך האָב ניט איינגעזען וואָרום דער לייסעום (אַ פאָלקס-טריבונע פאַר אויפקלערונג) זאָל ניט צוזאַמענשטעלן אַ צעטל פון שטייערן און פאָדערן פון שטאַט ער זאָל עס איינזאַמלען פונקט אַזוי גוט ווי די קירכע. דאָך אויף דער אויפפאָדערונג פון די פאָלקסדערוויילטע האָב איך איינגעוויליקט אונטערצושרייבן אַזאַ מין דערקלערונג: „מעגן אַלע מענשן וויסן דורך אָט די אָנווייזונגען, אַז איך, הענרי טהאָרא, ווינש ניט באַ-טראַכט צו ווערן אַלס מיטגליד פון וועלכער עס איז

אינקאָרפּאָרירטער געזעלשאַפט אָן וועלכער איך האָב זיך ניט אָנגעשלאָסן!" דאָס האָב איך געגעבן צום שטאָט-שרייבער און ער האָט עס. דער שטאָט, זיך דערוויסנדיק אַזוי אַרום אַז איך וויל ניט באַטראַכט ווערן אַלס מיטגליד פון יענער קירכע, האָט זינט דאַן קיינמאָל ניט געשטעלט קיין ענלעכע פאָדערונג צו מיר; כאָטש עס איז באַשטאַנען, אַז עס האָט געמוזט זיך האַלטן ביי דער אָריגינעלער השערה דאָס ערשטע מאָל. ווען איך וואָלט געוואוסט ווי צו באַצייכענען זיי, וואָלט איך אויסדריקלעך זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע געזעלשאַפטן צו וועלכע איך האָב זיך קיינמאָל ניט צוגעשריבן, אָבער איך האָב ניט געוואוסט וואו צו געפינען אַ פולשטענדיקן צעטל פון זיי.

איך האָב ניט געצאָלט קיין שטים-שטייער פאַר זעקס יאָר, האָט מען מיך דערפאַר איינמאָל אַריינ־געזעצט אין תּפיסה פאַר איין נאַכט; און ווען איך בין געשטאַנען באַטראַכטנדיק די סאָלידע ווענט, צוויי־דריי פוס דיק, די טיר פון האָלץ און אייזן אַ פוס דיק, און די אייזערנע שטאַנגען וועלכע האָבן דורכגעזיפּט די לופט, האָב איך זיך ניט געקענט צו־ריקהאַלטן דערשטוינט צו ווערן פון דער נאַרישקייט פון דער אינסטיטוציע וועלכע האָט מיך באַטראַכט ווי איך וואָלט געווען בלויז פלייש, בלוט און ביינער, וועלכע מ׳קען וואו פאַרשפּאַרן. איך האָב זיך גע־וואונדערט ווי אַזוי מענשן האָבן געקענט נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת קומען צו דעם באַשלוס, אַז דאָס איז דער בעסטער נוצן וואָס זיי קענען פון מיר מאַכן, און עס איז זיי גאָר ניט איינגעפאַלן זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט מיין דינסט אין אַ וועלכן עס איז אַנדער וועג. איך

האָב געזען, אַז אויב עס איז דאָ אַ וואַנט פון שטיינער צווישן מיר און מיינע שטאָט־לייט, איז דאָ נאָך אַ שווערערע וואַנט אַריבערצוקריכן אָדער דורכברעכן איידער זיי וועלן קענען זיין אַזוי פריי ווי איך בין געווען. איך האָב זיך ניט געפילט איינגעשפּאַרט פאַר קיין איין מאָמענט, און די ווענט האָבן מיר אויסגע־זען צו זיין אַ גרויסער ניוועץ פון שטיין און ליים. איך האָב געפילט אַזוי ווי איך איינער פון אַלע מיינע שטאָטסלייט וואָלט געווען באַצאָלט די שטייערן. זיי האָבן פּשוט ניט געוואוסט ווי צו באַהאַנדלען מיך, און האָבן זיך באַנומען ווי מענשן וועלכע זיינען ניט גוט דערצויגן געוואָרן. אין יעדער דראָאונג און אין יעדן קאָמפּלימענט איז געווען אַ טעות; ווארום זיי האָבן געדענקט, אַז מיין הויפּט פאַרלאַנג איז צו שטיין אויף דער אַנדער זייט פון יענער שטיינערנער וואַנט. איך האָב נאָר געקענט שמייכלען ווען איך האָב געזען מיט וואָס פאַר אַן אַרבעטסזאַמקייט זיי האָבן פאַרשלאָסן די טיר פאַר מיינע מעדיטאַציעס, וועלכע האָבן זיי נאָכגעפאָלגט אין דרויסן אָן דער קלענסטער שטערונג, און זיי — מיינע מעדיטאַציעס — זיינען דאָך אין דערווירקלעכקייט אַלץ וואָס קען באַטראַכט ווערן פאַר געפערלעך. אַזויווי זיי האָבן מיך ניט געקענט גרייכן האָבן זיי באַשלאָסן צו באַשטראָפן מיין קערפּער; פּונקט ווי קליינע שטיפער, וועלכע האָבן ניט קיין צוטריט צו אַ מענשן קעגן וועמען זיי האָבן אַ פאַרדרוס לאָזן אוים זייער כעס צו זיין הונט. איך האָב געזען, אַז דער שטאַט איז חסר דעה, אַז עס איז אַזוי שרעקעדיק ווי יענע איינזאַמע פרוי, אַליין אין הויז מיט אירע זילבערנע לעפל, און אַז ער ווייס

ניט זיינע פריינד פון זיינע שונאים, און איך האָב פאַרלאָרן דאָס ביסל אַכטונג וואָס איך האָב נאָך גע־האַט פאַר אים, און בלויז רחמנות געהאַט אויף אים.

אויף דעם וועג שטעלט זיך דער שטאַט קיינמאָל ניט אַביזיכטלעך קעגן דעם מענשנס זינען, גייסטיקן אָדער מאָראַלן; ער האַנדלט נאָר מיטן קערפּער, מיט זיינע געפילן. דער שטאַט איז ניט באַוואָפנט מיט קיין העכערער חכמה אָדער ערלעכקייט, נאָר מיט אַ העכערער פיזישער קראַפט. איך בין ניט געבאָרן געוואָרן צו ווערן באַצוואונגען. איך וויל אָטעמען לויט מיין אייגענער געוואוינהייט. לאָמיר זען ווער פון אונז איז דער שטאַרקערער. וועלכע קראַפט האָט אַ צוזאַמענגעלאָפענע מאַסע מענשן? נאָר די יעניקע קענען מיך באַצווינגען, וועלכע פאָלגן אַ העכערן געזעץ ווי איך; זיי צווינגען מיך צו ווערן איינער פון זיי. איך הער ניט וועגן מענשן וואָס ווערן פון גרויסע מאַסן געצוואונגען צו לעבן אויף דעם וועג אָדער אַנאַנדערן. וואָס פאַר אַ סאָרט לעבן וואָלט דאָס געווען? ווען איך באַגעגן אַ רעגירונג וועלכע זאָגט צו מיר: „דיין געלט אָדער דיין לעבן!" ווארום זאָל איך זיך איילן צו געבן מיין געלט? זי קען זיין אין גרויס נויט און וויים ניט וואָס צו טאָן; איך קען איר אָבער ניט העלפן. זי מוז זיך אַליין העלפן; טאָן ווי איך טו. עס איז ניט ווערט צו יאָמערן וועגן דעם. איך בין ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דערפאָלגרייכער וויר־קונג פון דער מאַשינעריע פון דער געזעלשאַפט; איך בין ניט דעם מאַשיניסט'ס זון. איך באַגרייף אַז ווען אַן אייכל־נוס און אַ קאַשטאַן פאַלן איינער נעבן אַנדערן וועט קיין איינער פון זיי ניט בלייבן לעבנסלאָז כדי

צו מאַכן פּלאַץ פאַר דעם אַנדערן, נאָר בײדע װעלן אױספּאָלגן זײערע אײגענע געזעצן, און שפּראָצן און װאַקסן און בליען אַזױ גוט װי זײ קענען, ביז אײנער װעט פּליײכט אַװעקשטעלן דעם צװײטן אין שאָטן און אים פאַרניכטן. אױב אַ פלאַנץ קען ניט לעבן אין אײנקלאַנג מיט זײן נאַטור, שטאַרבט עס; דאָסזעל־ביקע פּאַסירט מיט אַ מענשן.

איך האָב זיך קײנמאָל ניט אָפּגעזאָגט צו צאָלן װעג־שטײערן, װאָרום איך בין פּונקט אַזױ װיליק צו זײן אַ גוטער שכן װי איך בין צו זײן אַ שלעכטער אונטערטאַן; און װאָס אַנבאַלאַנגט אונטערשטיצן די שולן טו איך איצט מײן טײל צו דערציען מײנע לאַנדסלײט. עס איז ניט צוליב אײן באַשטימטער אײנצלהײט אין שטײערן־צעטל װאָס איך זאָג זיך אָפּ עס צו באַצאָלן; איך װיל פּשוט צוריקװײזן מײן אָנגעהעריקײט צום שטאַט, צוריקציען זיך און שטײן װײרקזאַם אין דער װײטנס פון אים. איך בין ניט גע־נױגט נאָכצוזוכן דעם לױף פון מײן דאָלאַר, װען איך װאָלט עס אַפּילו געקענט טאָן, ביז עס קױפט אַ מענשן, אָדער אַ ביקס, אױף צו שיסן אַנאַנדער מענשן — דער דאָלאַר איז אומשולדיק — װאָס מיך אינטערעסירט איז די װירקונג פון מײן אָנגעהעריקײט. טאַטזאַכלעך, איך דערקלער שטיל קריג דעם שטאַט אױף מײן אײגענעם װעג, כאָטש איך װעל מאַכן װעלכן געברױך און אַרױסבאַקומען יעדן פאָרצוג פון אים, װאָס איך קען נאָר, װי עס פּאַסירט געװױנלעך אין אַזעלכע פאַלן.

אױב אַנדערע באַצאָלן די שטײערן װאָס מ׳פאָ־דערט פון מיר, צוליב אַ סימפּאַטיע מיטן שטאַט, טוען

זיי דערמיט בלויז דאָס וואָס זיי האָבן שוין פריער גע־טאָן אין זייער אייגענעם פאַל; אָדער, בעסער געזאָגט, זיי אונטערשטיצן אומגערעכטיקייט נאָך אין אַ גרע־סערער מאָס ווי דער שטאַט פאָדערט. אויב זיי באַ־צאָלן די שטייערן צוליב אַ טעות׳פולער באַציאונג צו דעם מענשן וועלכער איז באַשטייערט געוואָרן, כדי צו ראַטעווען זיין אייגנטום, אָדער כדי צו פאַרמיידן אַז ער זאָל דאַרפן גיין אין טורמע, איז דאָס דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט אויסגערעכנט ריכטיק אויף ווי ווייט זיי זאָלן לאָזן זייערע געפילן זיך שטעלן אין וועג פון דעם וואָס איז גוט פאַר אַלעמען. דאָס, דאָן, איז מיין פּאָזיציע איצט. אָבער אַ מענש קען ניט זיין צו־פאָרזיכטיק אין אַזעלכע פאַלן, אַז זיינע האַנדלונ־גען זאָלן ניט זיין באַאיינפלוסט פון איבעריקער איינ־געשפּאַרטקייט אָדער פון אַ ניט־באַרעכנטע גרינג־שאַצונג וועגן די מיינונגען פון מענשן. ער מוז זען אַז ער זאָל טאָן נאָר דאָס וואָס האָט אַ שייכות מיט אים אַליין און מיט דער אויפגאַבע פון מאָמענט.

איך טראַכט צייטנווייז: וואָס הייסט, די מענשן מיינען דאָך גוט, זיי זיינען נאָר אומוויסנד; זיי וואָלטן געהאַנדלט בעסער ווען זיי וואָלטן געוואוסט ווי; וואָרום פאַראורזאַכן דיינע שכנים דיליידן אַז זיי זאָלן דיך באַהאַנדלען ניט ווי זיי זיינען גענייגט דאָס צו טאָן? אָבער, טראַכט איך אַנאַנדערשמאָל, דאָס איז דאָך ניט קיין אורזאַכע אַז איך זאָל האַנדלען ווי זיי, אָדער דערלויבן אַנדערע זאָלן פילן גרעסערע אַנגסטן פון אַנאַנדער מין. ווידער אַמאָל זאָג איך צו זיך אַליין: ווען אַזויפיל מיליאָנען מענשן, אָן היץ, אָן פאַרביטערונג, אָן וועלכע עס איז פּערזענלעכע גע־

פילן אין דער אנגעלעגנהייט פאָדערן פון דיר ניט מער ווי עטלעכע שילינג, ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צוליב זייער גייסטיקער איינשטעלונג צוריקצורופן אָדער ענדערן זייער פאָדערונג, און אַן דער מעגלעכקייט פון דיין זייט צו קענען אַפּעלירן צו אַנדערע מיליאָנען מענשן — ווארום אַרויסשטעלן זיך צו דער געפאַר באַשעדיקט צו ווערן פון דער מאַכט? דו שטעלסט זיך ניט אַזוי איינגעשפּאַרט קעגן קעלט און הונגער, קעגן די ווינטן און די כוואַליעס; דו וואַרפסט זיך שטיל אונטער צו אַ טויזנט ענלעכע נויטווענדיקייטן. דו שטעקסט ניט דיין קאָפּ אין פייער. נאָר פונקט אין דער מאָס ווי איך באַטראַכט עס ניט גאַנצלעך אַלס ברוטאַלע קראַפט, נאָר טיילווייז אַלס מענשלעכע קראַפט, און האָב אינזינען אַז איך האָב אַ שייכות צו דידאָזיקע מיליאָנען ווי צו מענשן און ניט ווי צו ברוטאַלע אָדער לעבנסלאָזע זאַכן, זע איך איין אַז עס איז יע מעגלעך צו אַפּעלירן צו זיי גופא קעגן זיי. אָבער אויב איך שטעק מיין קאָפּ אין פייער איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו אַפּעלירן צום פייער, אָדער צו דעם וואָס האָבן באַשאַפן דעם פייער, איך מוז פילן אַז די שולד איז אינגאַנצן מיינע. ווען איך וואָלט געקענט זיך אַליין איבערצייגן אַז איך האָב וועלכן עס איז רעכט צו זיין צופרידן מיט די מענשן ווי זיי זיינען, און צו באַהאַנדלען זיי אויף דעם שטייגער, און ניט אין מאַנכע הינזיכטן לויט מיינע פאַרשטעלונגען וואָס איך און זיי דאַרפן זיין; דאַן, אַלס גוטער מאַכמעדאַנער און פאַטאַליסט וואָלט איך געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צו זיין צופרידן מיט זאַכן ווי זיי זיינען, דאָס איז דער ווילן פון גאָט. און די

היופּטזאַך איז דאָ דער אונטערשייד צווישן אַנטקעגנ־שטעלן זיך דעם שטאַט און קעגן אַ ווידערשטעלן זיך צו אַ ריין ברוטאַלער אָדער נאַטור מאַכט. וואָס דאָ קען איך זיך קעגנשטעלן מיט דער אויסזיכט פאַר אַ געוויסער מאָס פון ווירקזאַמקייט, אָבער איך קען ניט דערוואַרטן צו ענדערן די נאַטור פון די שטיינער, בוימער און חיות.

איך וויל זיך ניט קריגן מיט קיין מענשן אָדער פאָלק. איך וויל ניט שפּאַלטן קיין האָר, מאַכן פיינע איינטיילונגען, אַרויסשטעלן זיך אַלס בעסערער מענש איידער מיינע שכנים. איך זוך גאָר, איך קען עס זאָגן, אַן אויסרייד צו קענען נאָכקומען די געזעצן פון לאַנד. איך בין מער ווי גרייט זיך צוצופּאַסן צו זיי. איך האָב באמת אורזאַכן חושד צו זיין זיך אין דער הינ־זיכט; און יעדן יאָר ווען דער שטייערן־זאַמלער קומט בין איך גרייט צו באַטראַכטן ווידער אַמאָל די האַנד־לונגען און די פּאָזיציע פון דער אַלגעמיינער און שטאַט־רעגירונג, און דעם גייסט פון די מענשן, כדי צו געפינען אַן אויסרייד פאַר צופּאַסונג.

איך גלויב אַז דער שטאַט וועט באַלד זיין אימ־שטאַנד אַרויסצונעמען פון מיינע הענט אַלע האַנד־לונגען פון דעם סאָרט, און דאַן וועל איך זיין ניט קיין בעסערער פּאַטריאָט ווי מיינע לאַנדסלייט. גע־זען פון אַ נידעריקערן שטאַנדפּונקט איז די קאָנסטי־טוציע מיט אַלע אירע פעלערן אַ גאַנץ גוטע; דער געזעץ און די געריכטסהייזער זיינען זייער אַכטונגס־ווערט; אַפילו דער שטאַט און די אַמעריקאַנער רעגי־רונג זיינען, אין פילע הינזיכטן, זייער באַוואונדע־רונגסווערטע און זעלטענע זאַכן, פאַר וועלכע מ׳דאַרף

זיין דאַנקבאַר, אַזוויווי צאָללאָזע מענשן האָבן עס באַ־
שריבן; אָבער ווען מ׳זעט עס פון אַן עטוואָס העכערן
שטאַנדפּונקט, זיינען זיי דאָס וואָס איך האָב זיי באַ־
שריבן; געזען פון נאָך אַ העכערן קוק־ווינקל, פון דעם
העכסטן — ווער קען דאַן זאָגן וואָס זיי זיינען, אָדער
אַז זיי זיינען אין אַלגעמיין ווערט מ׳זאָל זיך מיט זיי
פאַרנעמען און וועגן זיי דענקען?

און דאָך, די רעגירונג גייט מיך ניט פיל אָן, און
איך וועל איר שענקען אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט
ווי נאָר מעגלעך. די מאָמענטן ווען איך לעב אונטער
אַ רעגירונג זיינען ווייניקע אַפילו אין דער וועלט.
ווען אַ מענש איז פריי אין זיינע געדאַנקען, פריי אין
זיין איינבילדונג, פריי אין זיין פאַרשטעלונג, ווען
דאָס וואָס **איז ניט** זעט אים ניט אויס פאַר אַ
לענגערער צייט אַז עס **איז יע**, דאַן קענען ניט די
שׂכל׳לאָזע הערשער אָדער רעפאָרמער אים לעבנס־
געפערלעך אונטערברעכן.

איך ווייס אַז די מערסטע מענשן דענקען אַנדערש
ווי איך, אָבער די יעניקע וועמענס לעבן עס איז פּראָ־
פעסיאָנעל געווידמעט דעם שטודיום פון די און ענ־
לעכע געגנשטאַנדן רירן מיך גאַנץ ווייניק אָן. שטאַטס־
מענער און געזעצגעבער, שטייענדיק אַזוי אינגאַנצן
אינווייניק פון דער אינסטיטוציע, קענען קיינמאָל ניט
זען קלאָר און נאַקעט איר אויסזען. זיי ריידן וועגן
באַוועגן די געזעלשאַפט, אָבער זיי האָבן ניט קיין
רו־פּלאַץ אויסער איר. זיי קענען זיך זיין מענשן פון
אַ געוויסער דערפאַרונג און באַאַבאַכטונג, און זיי
האָבן אָן צווייפל צוגעטראַכט געניאַלע און אַפילו
נוצלעכע סיסטעמען פאַר וועלכע מיר דאַנקען זיי

גאַנץ אויפריכטיק; אָבער זייער גאַנצע חכמה און נוצלעכקייט ליגט אין געוויסע ניט זייער ברייטע גרעניצן. זיי זיינען געניגט צו פאַרגעסן, אַז די וועלט ווערט ניט באַהערשט דורך אַ באַשטימטער פּאָליסי אָדער נוצלעכקייט . . .

די מענשן וועלכע ווייסן ניט פון קיין ריינערע קוואַלן פון אמת, וועלכע האָבן ניט נאָכגעזוכט דעם שטראָם העכער, זיי שטייען גאַנץ שכל'דיק ביי דער ביבל און דער קאָנסטיטוציע, און טרינקען דאָרט מיט פאַרהערלעכונג און הכנעה; אָבער די יעניקע וועלכע זען ווי די טראָפּנס פליסן אַריין אין דער אָדער יענער סאַזשעלקע גאַרטלען אונטער זייערע לענדן נאָך אַמאָל און זעצן פאָר זייער אונטערזוכונגס-וועג צו דעם אור-שפּרונג... פאַר אַכטצן הונדערט יאָר, כאָטש איך האָב אפשר ניט קיין רעכט צו זאָגן עס, איז דער נייער טעסטאַמענט געשריבן געוואָרן; דאָך וויפיל געזעצ-געבער זיינען דאָ וועלכע האָבן דעם שכל און פּראַק-טישן טאַלאַנט צו באַנוצן זיך מיט דאָס ליכט וואָס עס וואַרפט אויף דער וויסנשאַפט פון געזעצגעבונג?

די אויטאָריטעט פון דער רעגירונג, אַפילו אַזאַ צו וועלכער איך זאָל זיין וויליק זיך אונטערצוּוואַרפן — ווארום איך וועל מיט צופרידנהייט פאָלגן די יע-ניקע וואָס ווייסן און קענען טאָן בעסער ווי איך, און אין פילע זאַכן אַפילו די יעניקע וואָס ווייסן ניט און קענען ניט טאָן אַזוי גוט ווי איך — דידאָזיקע אויטאָ-ריטעט איז דאָך אָן אומריינע; כדי צו זיין שטרענג גערעכט מוז עס האָבן די צושטימונג און פאַרהער-לעכונג פון די וואָס ווערן רעגירט. עס קען ניט האָבן קיין ריינעם רעכט איבער מיין פּערזאָן און אייגנטום

סיידן איך שטים איין דערצו. דער פראָגרעס פון אַן אַבסאָלוטער צו אַ באַשרענקטער מאָנאַרכיע, פון אַ באַשרענקטער מאָנאַרכיע צו אַ דעמאָקראַטיע, איז דער פראָגרעס אין דער ריכטונג פון ריינער אַכטונג פאַר דעם איינצלנעם. אַפילו דער כינעזער פילאָזאָף איז געווען קלוג גענוג צו באַטראַכטן דעם איינצלנעם אַלס דעם פונדאַמענט פון דער אימפעריע. איז אַ דעמאָקראַטיע, אַזוי ווי מיר קענען זי, די לעצטע מעגלעכע אויסבעסערונג אין רעגירונג? איז עס ניט מעגלעך צו גיין נאָך אַ טריט ווייטער אין דער ריכטונג פון אנערקענען און אָרגאַניזירן די רעכט פון דעם מענשן? עס וועט קיינמאָל ניט זיין קיין אמת פרייער און אויפגעקלערטער שטאַט ביז דער שטאַט וועט קומען צו דער איינזיכט צו אנערקענען די רעכטע פון דעם איינצלנעם אַלס די העכערע און מער אומאָפהענגיקע מאַכט, פון וועלכער דעם שטאַטס גאַנצע מאַכט און אויטאָריטעט שטאַמען אָפּ, און באַהאַנדלען אים אַלס אַזעלכן. איך שטעל זיך צופרידן מיט פאַרשטעלן זיך אַ שטאַט ווייניקסטנס וועלכער קען זיך פאַרגינען צו זיין גערעכט צו אַלע מענשן, און צו באַהאַנדלען די איינצלנע מיט אַכטונג אַלס שכנים; אַ שטאַט וועלכער זאָל עס ניט באַטראַכטן אַפילו פאַר אומבאַגרייפלעך מיט זיין אייגענער ראָלע ווען א צאָל איינצלנע וועלן לעבן אָפּגעזונדערט פון אים, זיך ניט מישנדיק אין זייערע אנגעלעגנהייטן, און ניט איינגעשלאָסן ווערנדיק פון אים — מענשן וועלכע דערפילן אַלע זייערע פליכטן אַלס שכנים און גוטע חברים. אַ שטאַט וואָס זאָל טראָגן אַזאַ פרוכט און צושטימען זיי זאָלן אַרונטערפאַלן אַזוי גיך ווי זיי ווערן צייטיק,

וואָלט צוגעגרייט דעם וועג פאַר אַ נאָכמער פאָלקאָ־מענער'ן און גלאָררייכן שטאַט, וועלכן איך שטעל מיר אויך פאָר, אָבער האָב ביז איצט נאָך אין ערגעץ ניט געזען!

# ה. ד. טהאָראָ און זיינע פרייהייט-אידייען

מיט איבער 5 יאָר צוריק, אין יולי 1945, איז אין גרויסן אַמעריקאַנישן נאַטור־געשיכטלעכן מוזיי אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ טהאָראָ־אויסשטעלונג, אין פאַרבינדונג מיטן הונדערט־יאָריקן יובילײ פון „וואָלדען". דער־מיט האָט מען געמיינט נישט דאָס וועלט־באַרימט בוך הענרי דייוויד טהאָראָס אונטער אָט־דעם נאָמען, נאָר טאַקע דעם מערקווירדיקן פּיאָנערן אויפטו זיינעם — דאָס באַזעצן זיך פון 28־יאָריקן טהאָראָ אין אַ געדיכטן וואַלד ביים ברעג פון דער אָזיערע וואָלדען אין שטאַט מאַסאַ־טשוזעטס. צוויי יאָר האָט דער דענקער און וואָרט־מייס־טער פאַרבראַכט דאָרט אין התבודדות און נאַטור־מעדי־טאַציע, לעבנדיק אין אַ שטיבל וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט אויפגעבויט.

אין צען גרויסע שוי־קעסטלעך איז געווען אויסגע־שטעלט אַ ים מיט אינטערעסאַנטע און פאַרשידנאַרטיקע מאַטעריאַלן (ביכער, בילדער, סואווענירן, בריוו און אויטאָ־גראַפן א.אז.וו.) אין שייכות מיט טהאָראָס לעבן און שאַפן בכלל, און בפרט מיטן „וואָלדען־קאַפּיטל" אין דער לעבנס־געשיכטע זיינער און אין זיין ליטעראַרישער קאַריערע.

ווי עס פּאַסירט גאַנץ אָפט, האָט מען אין אויסלאַנד פיל פריער אָנערקענט טהאָראָן פאַר אַ נביא און גייסטיקן וועגווייזער ווי אין זיין געבורטסלאַנד גופא. טהאָראָס נאָמען איז גרויס געוואָרן אין ענגלאַנד סוף 19טן י"ה, באַזונדערס אין דער דעמאָלט ניי־געגרינדעטער לייבאָר־פּאַרטיי. דאָס בוך „וואָלדען" איז געוואָרן אַ מין נייע

ביכל פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי און האָט סטימולירנדיק געווירקט אויף אירע גייסטיקע פירער. די יונגע לייבאָר־פּאַרטיי איז געווען אַ גייסטיק קינד פון בריטישן פּאָעט וויליאַם מאָרים און פון דעם אַמעריקאַנישן פריידענקער, נאַטוראַליסט און טיף־עטישן און פּאָעטישן זשעני: הענרי דייוויד טהאָראָ. גרויסע, עטיש־עסטעטישע, טיף־מענטש־לעכע אמתן, וואָס זיינען שפּעטער אַנטוויקלט געוואָרן אין אַ ריי סאָציאַל־פילאָזאָפישע ווערק פון זשאָן ראַסקין און וויליאַם מאָרים, האָט אין אַ פּאָעטיש־דירעקטער, פּשוטער און לעבעדיק־פרישער פאָרם, מיט יאָרן פאַר זיי, אויסגעדריקט דער יענקישער אַנאַרכיסט - אינדיווידואַ־ליסט", טהאָראָ.

פון יאָר צו יאָר ווערט אַלץ גרעסער דער דערפאָלג פון אומשטערבלעכן ווערק „וואַלדען" און דער נאָמען פון זיין מחבר. דער נאָכפרעג און די צאָל נייע אָפּדרוקן פון אָט־דעם גרויסן בוך „דיכטונג אין פּראָזע" וואַקסן כסדר. די פירמע „ברענטאַנאָ", די גרעסטע אַמעריקאַנער בוך־האַנד־לונג אין פּאַריז, דערציילט, אַז נאָך דער פאַרטרייבונג פון די נאַציס, סוף זומער 1944, ווען זייער בוך־געשעפט איז געעפנט געוואָרן, איז דאָס ערשטע פאַרקויפטע בוך געווען „וואַלדען". אַן אַמעריקאַנער מיליטערישער קאָ־רעספּאָנדענט אין כינע, האָט צווישן די ערשטע אויסגע־שריבענע פון אַמעריקע ביכער געפאָדערט „וואַלדען". קורץ נאָכן אָנקומען פון בוך, האָט אַ כינעזישער פריינט עס גע־באָרגט „אויף אַ לאַנגער צייט", כדי צוצוגרייטן אַ כינע־זישע איבערזעצונג. אויך אַ יאַפּאַנישע איבערזעצונג איז שוין פאַרטיק געוואָרן, און מחמת דעם אויספעל פון אַ סך יאַפּאַנישע ווערטער פאַר אַ גענויער און פולער איבער־

זעצונג, האָט מען ניט ווייניק אויסדרוקן און טערמינען איבערגעלאָזן פּשוט אין זייער ענגלישן אָריגינאַל.

דאָס זיינען אַ פּאָר פאַקטן פון דער לעצטער צייט, וואָס באַווייזן טהאָראָס איינפלוס אויף פרעמדע פעלקער און לענדער. מ'האָט אויף דער ניו־יאָרקער טהאָראָ־אויס־שטעלונג אין 1945 געזען זיינע ווערק אין טשעכיש, דייטש, פראַנצויזיש און נאָך און נאָך אייראָפּעאישע שפּראַכן. צווישן די פרעמד־שפּראַכיקע אויסגאַבעס האָט זיך געפונען אויך דר. י. אַ. מעריסאָנס איבערזעצונג אויף יידיש פון „סיוויל דיזאָבידיענס" (ציווילע אומגעהאָרכ־זאַמקייט) טהאָראָס, וואָס איז דערשינען אין 1907 אין באַקאַנטן ניו־יאָרקער בוך־פאַרלאַג פון מאַקס נ. מייזעל.

אָט־דאָס קורצע אָבער גאָר גרויסע ווערק טהאָראָס איז צוערשט אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַר אַן עולם אַלס אַ מינדלעכע לעקציע, און גלייך נאָך דעם, אין 1849, אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם ערשטן נומער פון אַ באָס־טאָנער זשורנאַל „עסטעטיק פּעיפּערס". דאָרט האָט עס געטראָגן דעם טיטל: „ווידערשטאַנד צו ציווילער רעגי־רונג". אין דער נייערער צייט איז דאָס ווערק געוואָרן אַ מין „טעקסטבוך", אַ האַנטבוך, פאַר גאַנדהיס רעוואָלו־ציע קעגן דער בריטישער הערשאַפט איבער אינדיע. אויך האָבן די גרונט־פּרינציפּן פון טהאָראָס לערע איבער די מענטשלעכע פליכטן פון אומגעהאָרכזאַמקייט צום טיראַ־נישן שטאַט געבראַכט ניט ווייניק צרות אויף די קעפּ פון די נאַציס וואָס האָבן אָקופּירט דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פרייהייטלעכע, אַנטי־שטאַטלעכע און פּאַרטיפּטע גע־דאַנקען טהאָראָס זיינען צעוואָרפן איבער אַ סך פון זיינע

ווערק, אין אַ היפּשער צאָל בענדער, חוץ דעם עסיי, וואָס דער לייענער האָט איצט אין האַנט. אָט וועלן מיר ברענגען איין ביישפּיל: „וואָס מיינט עס, צו זיין געבוירן פריי און נישט לעבן פריי? וואָס איז די ווערדע פון וועלכער ס׳זאָל ניט זיין פּאָליטישער פרייהייט, אויב נישט אַ מיטל צו מאָראַלישער (גייסטיקער) פרייהייט? קענען מיר באַרימען זיך מיט דער פרייהייט צו זיין שקלאַפן, אָדער מיט דער פרייהייט צו זיין פריי?"

אָבער אין אַ ביז גאָר קאָנצענטרירטער און העכסט אינ־ספּירירטער פאָרם פון אַ נביאישער פאַרטיידיקונג פון דעם פרייהייט־פּרינציפּ און צוגלייך פון דעם געוויסנס־ און גערעכטיקייט־פּרינציפּ, טרעט אַרויס טהאָראָס פרייהייט־לעכער וועלט־באַנעם בלויז אין זיין שריפט „פליכט פון אומגעהאָרכזאַמקייט צום שטאַט" (ווי ס׳הייסט די ערשטע יידישע איבערזעצונג). דאָס איז אַ העכסט עלאָקווענטער, מאַיעסטעטיש־פאָרנעמער אַפּיל און אויפריכטיקער רוף, צו דאָס בעסטע און מענטשלעכסטע אין מענטשן, אַ רוף געבויט אויף אַן אייביק־אמתן יסוד, נעמלעך, אַז דער פערזענלעכער געוויסן דאַרף שטיין העכער און זיין הייליקער פון אַלע אַנדערע אויטאָריטעטן.

באַגייסטערטע און איבערצייגנדיקע קריטיקער פון שטאַט האָבן די לעצטע הונדערט יאָר, באַזונדערס די צווייטע העלפט פון 19טן י"ה, אַרויסגעבראַכט גאָר אַ סך. דער קאַמף קעגן שטאַטלעכן קאָנטראָל איז געוועזן איינער פון די „ערשטע פּרינציפּן" אויפן געביט פון סאָציאַלער עטיק ביי הערבערט ספּענסער. פּעטער קראָפּאָטקין האָט קלאָר אויסגעדעקט דעם אורשפּרונג און די היסטאָרישע

אַנטוויקלונג פֿון שטאַט. לעוו טאָלסטאָי האָט פֿאַרשפּרייט גערעאַנקען פֿון אַ מין קריסטלעכן אַנאַרכיזם, באַזירט אויף דער גייסטיקער זעלבסט־גאולה פֿון יחיד צוזאַמען מיט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד צום שטאַט. עמערסאָן, דער פֿריינד און פֿאַרערער פֿון ה. ד. טהאָרא, האָט געשריבן פּרעכטיקע, הגם היפּש צעשוואומענע, צו פֿאַראַלגעמיי־נערטע, עסייען װעגן געזעלשאַפֿטלעכן צוזאַמענלעבן וואָס איז פֿריי פֿון אויסערלעכע צוואַנג־מיטלען און שטערונגען אויף די וועגן צום פֿאַרבעסערונג־ציל און אויסלייטערונג. אַנדערע וואָרט־קינסטלער האָבן אויך געוואוסט צו קרי־טיקירן און טיף סאַטיריש אויסמוסרן די מענטשהייט פֿאַר דער געשטאַלטונג פֿון אַזאַ מאָראַלישער פֿאַרזעעניש, ווי דער שטאַטלעכער דעספּאָטיזם און צוואַנג.

אָסקאַר וואַילד האָט אויסגעמאָלן אַ גרויסאַרטיק בילד פֿון אַ לעבנס־שטייגער, וואָס זאָל דערמעגלעכט ווערן אין אַ באמת פֿרייער געזעלשאַפֿט. דער שאַרפסטער פֿון די אַלע קריטיקער איז אָבער דער געניאַלער פּיעסן־שרייבער הענריק איבסען, וואָס האָט וועגן זיך אַליין געזאָגט, אַז זיין הויפּט־פֿונקציע איז געווען צו זיין דער „שטאַט־סאַ־טיריקער", ד.ה. דער ביטערער אָפּלאַכער פֿון דער שטאַט־אינסטיטוציע. דאָ איז אין פּלאַץ צו ציטירן זיינע אַ מיי־נונג, אויסגעדריקט אין זיינע בריוו אָדער אַנדערע פֿאַר־עפֿנטלעכע פּראָזע־ווערק:

> **„דער שטאַט איז די קללה פֿאַר דעם יחיד. פֿאַר וועלכן פּרייז ווערט דער כוח פֿון פּרייסן אַלס אַ שטאַט געקויפֿט? דער פּרייז איז צוזאַמענשמעלצן דעם יחיד מיט אַ פּאָליטישן אָדער געאָגראַפֿישן קאָנ־צעפּט (באַגריף). פֿון דעם קעלנער (וועיטער) לאָזט זיך מאַכן דער בעסטער סאָלדאַט. גיט אָבער אַ קוק**

> אויף דער יידישער נאַציע, דער אַדל־שטאַנד פון דער מענטשלעכער ראַסע, ווי אַזוי האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן — איזאָלירט, פּאָטיש־דערהויבן — צום טראָץ פון דער באַרבאַרישער אומגעבונג? — ווייל זיי זיינען נישט געווען באַלאַסטעט דורך אַ שטאַט. אויב די יידישע נאַציע זאָל געווען בלייבן אין פּאַלעסטינע, טאָ וואָלט זי שוין פון לאַנג חרוב געוואָרן אין דעם פּראָצעס פון דער מלוכה־בויאונג, פּונקט ווי ס׳איז געשען מיט אַנדערע נאַציעס . . . דער שטאַט האָט זיינע וואָרצלען אין צייט: און ס׳ווּעלן אויך זיין שפּיץ־פּונקט און ירידה קומען אין גאַנג פון דער צייט. נאָך גרעסערע זאַכן ווי דער שטאַט וועלן אויך פאַלן; רעליגיע אינגאַנצן גענומען וועט פאַלן. ניט מאָראַל־באַגריפן און ניט קונסט זיינען אייביק. יעדער גלויבן מוז האָבן זיינע גרענעצן (ד.ה. מענטשן וועלן שפּעטער אַמאָל אויפהערן גלויבן אין שטאַט).*)

און טאַקע נאָך טיף־גראָבנדיקער איז געגאַנגען טהאָראָס קריטיק פון שטאַט. דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס דער צענטראַל־פּונקט פון זיין אָנגריף פאַלט צוזאַמען מיט דאָס אינערלעכסטע און פיינסטע, דערהייבנסטע און דערמוטיקנדיקסטע וואָס דער מענטש האָט און טראָגט אין זיך — זיין גייסטיקע חשיבות און זיין געוויסן.

ווי באַקאַנט, האָט די אַמעריקאַנער דעמאָקרטיע, מיט איר קאָנסטיטוציע פון סוף 18טן י״ה, זייער פיל געשטעלט

---

*) ציטירט פון אַ ווערק:
BROWNE, W. R.: **Man or the State?** A Grcup of Essays by Famous Writers. New York, 1919 (Huebsch).

דאָרט איז אויך אינגאַנצן אָפּגעדרוקט ה. ד. טהאָראָס עסיי וועגן דער „פליכט פון אומגעהאָרכזאַמקייט“, צוזאַמען מיט די אָפּהאַנדלונגען וועגן רעגירונג און שטאַט, ארויסגענומענע פון די באַרימטע, אין אַלע פרייהייטלעכע קרייזן, ווערק פון פּ. קראָפּאָטקין, ט. ה. באָקל, ר. וו. עמערסאָן, הערבערט ספּענסער, לעוו טאָלסטאָי און אָסקאַר וואַילד.

און געבויט אויפן פּאָליטישן באַגריף „מערהייט", פּאַר־שטויסנדיק אָן אַ זייט די פיל געזינטערע און שעפערישע באַגריפן, ווי „גערעכטיקייט" און „געוויסן". במילא האָט דער פּועל־יוצא אין פּראַקטישן זין אויך געמוזט זיין אַ קלאָגעדיקער, דהיינו: צוואַנג, עקספּלואַטאַציע, מלחמות, אימפּעריאַליזם און אַפילו פּשוטע שקלאַפעריי (סיי אַלס לייב־אייגנטום פון די נעגערס, סיי אַלס לוין־שקלאַפעריי אונטערן קאַפּיטאַליזם). דאָס האָט זייער טיפזיניק באַ־מערקט ה. ד. טהאָראָ, גלייך אין אָנהייב פון זיין עסיי, וואו ער שרייבט:

נאָכאַלעמען, די פּראַקטישע אורזאַך ווארום די מאַ־יאָריטעט ווערט דערלויבט און פאַר אַ לאַנגער צייט געדולדעט צו הערשן, וואו נאָר די מאַכט ליגט אין די הענט פון פאָלק, איז ניט דערפאַר וואָס די מער־הייט איז אַלעמאָל גערעכט! אויך ניט דערפאַר וואָס דאָס זעט אויס דער מערהייט צו זיין ריכטיק, נאָר דערפאַר וואָס זיי — די מערהייט — זיינען פיזיש די שטאַרקערע. אָבער אַ רעגירונג, אין וועלכער די מער־הייט הערשט אין אַלע פאַלן, קען ניט זיין באַגרינדעט אויף גערעכטיקייט, אַפילו אויף אַזוי ווייט ווי די מענטשן פאַרשטייען עס. קען דען ניט זיין אַ רעגי־רונג, אין וועלכער די פראַגע פון רעכט און אומ־רעכט ווערט באַשלאָסן ניט פון דער מערהייט, נאָר פון געוויסן? — אין וועלכער די מערהייט באַשליסט נאָר יענע פראַגן אין וועלכע די מאָס פון צוגעפּאַסט־קייט איז מער אָנווענדבאַר? מוז דער בירגער ווען עס איז, פאַר איין מאָמענט, אָדער אין דער קלענסטער מאָס, זיך אָפּזאָגן פון זיין געוויסן און איבערלאָזן עס צו געזעצגעבער? ווארום האָט דאַן יעדער מענטש אַ געוויסן? איך דענק, אַז מיר דאַרפן זיין מענטשן צו־ערשט, דערנאָך בירגער. עס איז ניט אַזוי ווינטשנס־

ווערט אויסצובילדן אַכטונג פֿאַרן געזעץ, ווי פֿאַר דעם וואָס איז געזעצט!

ניט סתם אַבסטראַקציעס און הײליקע, הגם הײליקע, וואונטשן האָט געפּרעדיקט טהאָראָ, נאָר ער האָט אַפֿילו אָנגעצייכנט אַ מין פּראַקטישן וועג צו זיין גרויסן ענדציל, אַמבעסטן פֿאָרמולירט פֿון אים אַליין, גלייך ביי דער דערעפֿענונג פֿון זיין עסיי, און דאָס איז די ציטאַט פֿון טאָמאַס דזשעפֿערסאָן: „יענע רעגירונג איז די בעסטע, וועלכע רעגירט אַמווייניקסטן!“ אַנטקעגן אָט־דעם פּונקט זאָגט טהאָראָ אין אַ פּאַראַגראַף, פֿאַר דעם נאָר וואָס ציטירטן:

. . . צו ריידן פּראַקטיש און אַלס בירגער, ניט ענלעך אויף יענע וועלכע באַצייכענען זיך אַלס אומרעגירונגס־מענטשן, פֿאָדער איך ניט באַלד קיין־רעגירונג, נאָר באַלד אַ ב ע ס ע ר ע  ר ע ג י ר ו נ ג. זאָל יעדער מענטש באַקאַנט מאַכן וואָס פֿאַר אַ סאָרט רעגירונג עס וועט אָרויסרופֿן זיין אַכטונג, און דאָס וועט זיין איין טריט צו דערגרייכן עס.

אויף אַזאַ וועג, האָט געהאָפֿט טהאָראָ, וועט אפשר מקוים ווערן דער אויספֿיר, וועלכן ער האָט געמאַכט פֿון דעם נאָר וואָס דערמאָנטן זאָג דזשעפֿערסאָנס, און אַלע מענטשן וועלן דאַך קענען קומען צום שלום, אַז יענע רעגירונג איז די סאַמע בעסטע, וועלכע רעגירט אינגאַנצן ניט.

אין יעדן פֿאַל איז דער באַרג־אַרויף וועג צו אַזאַ ענדציל אַ לאַנגער און אַ שווערער, אַ געדרייטער און שמאָלער. פֿרעגט זיך: וואָס איז און וואָס קען זיין דערביי דער פֿירער, דער קאָמפּאַס און וועגווייזער, לויט טהאָראָס מיינונג? און דאָ, צום סוף פֿון זיין עסיי, גלייך ווי אין אָנהייב, איז עס ווידער דאָס, וואָס איז דאָס שענסטע און בעסטע, דאָס

אייביקע אין מענטשן, אין דענקענדיקן פערזאָן, מיט איין וואָרט — אין יחיד: דער געוויסן, וואָס דער פאַרקערפּע־רער און טרעגערער זיינער איז טאַקע דער יחיד (דער איינצלנער). עס שרייבט טהאָראָ:

> דער פּראָגרעס פון אַן אַבסאָלוטער צו אַ באַ־שרענקטער מאָנאַרכיע, פון אַ באַשרענקטער מאָנאַר־כיע צו אַ דעמאָקרטאַיע, איז דער פּראָגרעס אין דער ריכטונג פון ריינער אַכטונג פאַר דעם איינצלנעם (יחיד) . . . איז אַ דעמאָקראַטיע, אַזוי ווי מיר קענען זי, די לעצטע מעגלעכע אויסבעסערונג אין רעגירונג? איז עס ניט מעגלעך צו גיין נאָך אַ טריט ווייטער אין דער ריכטונג פון אָנערקענען און אָרגאַניזירן די רעכט פון דעם מענטשן? עס וועט קיינמאָל ניט זיין קיין אמת פרייער און אויפגעקלערטער שטאַט ביז דער שטאַט וועט קומען צו דער איינזיכט צו אָנערקענען די רעכטע פון דעם איינצלנעם (יחיד) אַלס די העכע־רע און מער אומאָפּהענגיקע מאַכט, פון וועלכער דעם שטאַטס גאַנצע מאַכט און אויטאָריטעט שטאַמען אָפּ, און באַהאַנדלען אים אַלס אַזעלכען.

צום שלוס בלייבט די פראַגע: ווי אַזוי האַרמאָנירן טהאָראָס פרייהייט־אידייען מיט אונדזער היינטיקער שטורמדיקער צייט? דער לייענער פון זיין עסיי וועט לייכט קענען באַמערקן, אַז טהאָראָ האָט אַ דינאַמישן קוק אויף דעם פונדאַמענטאַלן פּאָליטישן באַגריף „דעמאָקראַ־טיע", אָדער אויפן באַגריף „פרייהייט". ער האָט ניט גע־קענט פאָראויסזען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער טעכנישער ציוויליזאַציע, אָדער פון דעם פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכן באַוואוסטזיין אין די ווייטע פּרימיטיווע, נאָך אָפּגעשטאַנענע (אין זיין צייט) פעלקער פון אַזיע, מזרח־אייראָפּע, לאַטיין־אַמעריקע א.אַז.וו. אויך דעם וואונדער־

לעבן גאַנג פון דעם טעכנאָלאָגישן פאָרשריט, האָט ער מסתמא ניט ווי געהעריק פאָרויסגעזען אָדער אַפילו דער־וואַרט. ס'איז אַ פראַגע צי ער, מיט זיין גאַנצער שנאה צום פלאַכן מאַטעריאַליזם און מעכאַניזירטער פּראָדוקציע, — וואָלט גאָר געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון דער מאַקסימאַלער טעכניש־פּראַקטישער אויסנוצונג פון די נאַטור־כוחות און קראַפט־ענערגיעס. סוף כל סוף קען דער אידעאַל זיינער פון „זעקס טאָג רו און איין טאָג אַרבעט" מקוים ווערן, פאַר די ברייטסטע מאַסן פון פאָלק, ניט אַנדערש ווי אַ דאַנק דער מאָדערנער ענערגיע־אויס־נוצונג פון דאַמף, גאַזאָלין, עלעקטרי און אַטאָם. מיר ריידן שוין נישט וועגן דעם, אַז דער צווייטער אידעאַל פון טהאָראָ: התבודדות, אַליין־איזאָלירונג און זעלבסט־קאָנצענטראַציע קענען אפשר, פאַר די מערסטע מענטשן, געמאַכט ווערן אָנגענעמער דווקא דורך אַזוינע וויסנשאַפט־לעכע וואונדער, ווי ראַדיאָ און ווידעאָ (טעלעוויזיע), — אויף אַזוי ווייט אויף וויפל זיי וועלן ניט זיין קיין שטער און אונטערברעכונג פאַר מעדיטאַציע, קאָנצענטראַציע אין און אויף דעם אייגענעם גייסט, אלס די גרעסטע גייסטיקע הנאה פאַר דעם זעלבסט־איזאָלירטן, וואָס וויל זיך באַ־העפטן מיט די מיסטעריעס פון דער נאַטור . . .

אָבער דער גאַנג פון אמתן סאָציאַלן פאָרשריט, ווי טהאָראָ האָט אים געזען, קען גאָרניט געמאַלט זיין אַן אַ פּריוואַט־רעוואָלוציע ניט אין די אַרומיקע באַדינגונגען בלויז, נאָר טאַקע אין מענטשלעכן גייסט. דאָ מוזן מיר זיך ווידער אומקערן צום גרויסן זעער און נביא פון פרייִ־הייטלעכן, אַנטי־שטאַטלעכן אידעאַל — הענריק איבסען. ער האָט, אין 1870, אַכט יאָר נאָך טהאָראָס טויט, ווען

ס׳איז געפאַלן נאַפּאָלעאָן דעם 3טנס פראַנקרייך, געשריבן:

די גרויסע פּאַסירונגען פון אונדזער צייט פאַר־נעמען מיינע געדאַנקען איצט. דאָס אַלטע, אילוזאָרישע פראַנקרייך איז צוזאַמענגעבראָכן, און אַזוי שנעל ווי דאָס נייע, ממשותדיקע פרייסן וועט אויך אַזוי פאַלן, וועלן מיר מיט איין שפּרונג אַריינפאַלן אין אַ נייער תקופה. אַך, ווי ס׳וועלן דעמאָלט אַרום אונדז, מיט אַ קראַך, צוזאַמענברעכן אַלטע אידייען! און ס׳איז שוין פון לאַנג צייט, אַז דאָס זאָל געשען. ביז איצט האָבן מיר געלעבט בלויז אויף די ברעקלעך פון דעם רעוואָלוציאָנערן טיש פון פאָריקן י״ה, אַ שפּייז וואָס איר גאַנצע נאַרהאַפטיקייט איז שוין פון לאַנג אויס־געקייעט געוואָרן. אין די אַלטע טערמינען מוז מען אַריינגעבן אַ נייעם אינהאַלט. פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט זיינען געווען גאַנגבאַר אין די טעג פון דער אומזעליקער גיליאָטינע. און דאָס איז אַ זאַך, וואָס די פּאָליטיקאַנטן קענען ניט פאַרשטיין; דערום האָס איך זיי. זיי ווילן נאָר האָבן זייערע ספּע־ציעלע רעוואָלוציעס — רעוואָלוציעס אין אויסערלע־כע זאַכן, אין פּאָליטיק א.ד.גל. אָבער דאָס אַלץ זיינען נישט מער ווי קלייניקייטן; וויכטיק איז די רעוואָ־לוציע פונם מענטשלעכן גייסט.

אַוועק איז 80 יאָר נאָך דעם, ווי די ווערטער האָט איבסען אָנגעשריבן, און געפאַלן איז נישט בלויז פרייסן און די דייטשע אימפּעריע, נאָר אויך די צאַרן־אימפּעריע און אויך די גרויסע בריטישע אימפּעריע האַלט נאָענט צו דער גסיסה. אָבער די ניי־אוויפגעקומענע טיראַניי אין רוסלאַנד, די אונטערדריקונג פון דעם יחיד, די דערנידע־רונג פון דער מענטשלעכער חשיבות און פון מענטש־לעכן געוויסן דאָרט — דאָס אַלץ דינט ווירקלעך ווי אַ נעגאַטיווער באַווייז פאַר דעם, ווי נויטיק עס איז די באַ־פרייאונג פון מענטשלעכן געוויסן, און דאָס אויפלייזן פון

יאָך פון שטאַט, פאַר דעם גליק און וואוילזיין פון דעם יחיד און פון דעם כלל. אויך ווערט איצט באַשטעטיקט, דורך דעם לעבן גופא, ווי וויכטיק איז געווען די מורא טהאָראָס פאָרן נישט צו דערזעטיקנדיקן אַפּעטיט פון אַמעריקאַנער געלט־מאַגנאַטן, וואָס זוכן וואָס ווייטער און ברייטער איינצופעסטיקן אין דער וועלט אַרום אונדז די מאַכט פון געלט־זאַק.

ווערט דורך די אַלע לערעס און דערפאַרונגען פאַר־טיפט דער בליק אונדזערער אויף דער פּראָבלעם רעוואָ־לוציע בכלל, און סאָציאַלע רעוואָלוציע בפרט. מיר ווייסן שוין, אַז נוצלאָז און פרוכטלאָז איז די אויסערלעכע פּאָ־ליטישע רעוואָלוציע, אויב זי באַרירט ניט דעם מענטשנס גייסט, זיין געוויסן, פון אינעווייניק: אויב זי באַשאַפט נישט קיין נייע, רעגענערירטע סביבה, אַ סאָציאַל־עטישע אַטמאָספער, אַ געזונטע און געזונט־שאַפנדיקע. אויף דעם האָבן געהאָפט, וועגן דעם האָבן געטרוימט, און צו דעם האָבן געשטרעבט טהאָראָ און איבסען, און אַ סך אַנדערע גרויסע ווייט־זעעוודיקע גייסטער און וועגווייזער.

דער טיפער קולטור־קריזיס פון דער מענטשהייט אין איצטיקן דור האָט אַרויסגעבראַכט אין דערווירקלעכקייט, בפועל ממש, די טרויעריקע רעזולטאַטן פון אַלע יענע אומשטאַנדן, קעגן וועלכע עס האָבן געוואָרנט אָט־די אויפ־ריכטיקע דענקער און לערער. צום אומגליק איז זייער קול נישט דערהערט געוואָרן. אָבער זייער לערע וועגן די עכט־מענטשלעכע צווישן־באַציאונגען פון יחיד און געזעל־שאַפט, איז נישט געשטאָרבן און קען קיינמאָל ניט שטאַרבן.

דר. הערמאַן פראַנק

**רעדאַקטאָר, „פרייע אַרבעטער שטימע“.**